STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04067

# DER ANARKHIZMUS UN DI POLITISHE THETIGKEYT

Y. A. Merison

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MORRIS LOMANITZ
In Memory of My Daughter
M A Y
March 1908 — Aug. 1, 1954

# דער אנארכיזמוס

אונ דיא

# פאליטישע טהעטיגקייט

— אקריטיק אונ א פאָרשלאג. —

פּרינציפּ אונ מעטאָדע.
דיא רעוואָלוציאָנערע מעטהאָדע אונ דיא פּראָפּאגאנדא דער טהאט.
דיא ארבייטער בעוועגונג אונ דער גענעראל־סטרייק.
דיא פּארלאמענטארע טהעטיגקייט.

פון

דר. י. א. מעריסאָן

פערלאג פון

מ. מייזעל

422 גרענד סט., ניו־יאָרק.

## געווידמעט

אין אנערקענונג פון זיין גרויסען ווערטה אלס דיינקער און אלס קעמפפער פאר פרייהייט, דעם לעהרער און פריינד, דר. ח. זשיטלאווסקי.

פון פערפאסער.

— „קיינער קען ניט זיין קיין גרויסער דיינקער, וועלכער אנערקענט ניט, אז דעם דיינקערס ערסטע פליכט איז צו פאָלגען זיין פערנונפט, צו וועלכע שליסע עס זאָל איהם ניט פיהרען.“

„דיא ווארהייט געווינט מעהר זאָגאר דורך דיא טעות׳ן פון א מענשען, וועלכער שטודירענדיג און פארשענדיג, דיינקט פאר זיך, איידער דורך דיא ריכטיגע מיינונגען פון יענע, וועלכע האלטען זיי פון צוייטער האנד, און דיינקען אליין גאָר ניט.“

„וואו עס עקזעסטירט א שטילער אָבמאך, אז דיא גרונד־פרינציפען טאָרען ניט דיסקוטירט ווערען ; וואו דיא דעבאטע איבער דיא גרעסטע פראגען וואָס אינטערעסירען דיא מענשהייט איז געשלאָסען — דאָרטען קענען מיר ניט ערווארטען צו געפינען יענע אלגעמיין הויכע שטופע פון גייסטיגע טהעטיגקייט, מיט וועלכע געוויסע פעריאָדען פון דער געשיכטע האָבען זיך א מאָל אויסגעצייכענט.“

„ווען עס זיינען פאראן מענשען וועלכע קריעגען געגען אן אנגענומענע מיינונג, דארפען מיר זיי זיין דאנקבאר דערפאר. מיר דארפען אנשטעלען מויל און אויערן צו האָרכען וואָס זיי זאָגען ; און, אויב מיר ווילען האָבען לעבעדיגע איבערצייגונגען, דארפען מיר זיך פרעהען דערמיט וואָס זיי טוען פאר אונז דאָס, וואָס מיר וואָלטען געמוזט אליין טאָן מיט אזוי פיעל מעהר מיהע.“ —

דזשאָהן סטואַרט מילל.

(„פרייהייט“, צווייטער קאפיטעל.)

## 1.

## פּרינציפּ און מעטאָדע.

דער אַנאַרכיזמוס אַלס אַ געוויסע לעהרע, וועלכע בעהאַנדעלט דיא פּראַגע, וואָס פאר׳אַ בעציהונגען עס זאָלען עקזיסטירען צווישען מענשען און דער געזעלשאַפט, איז, אין ריכטיגען זינען פון וואָרט, אַ **פּאָליטישע לעהרע**. דיא פּאָדערונג פאר פרייהייט אין דיא בעציהונגען פון רבים צום יחיד; דיא פּאָדערונג פאר דעצענטראַליזאַציע אין דיא פערוואַלטונג פון קהל׳שע אינטערעסען: דיא פּאָדערונג פאר גלייכע געלעגענהייטען אין בעצוג צו דיא מיטלען פון מאַכען אַ לעבען — דיא עיקרים פון דער אַנאַרכיסטישער לעהרע — **זיינען דורכאויס פּאָליטישע פּאָדערונגען**. דיא אנארכיסטישע בעוועגונג, אלזאָ, דאַרף הייסען אַ פּאָליטישע בעוועגונג: אַ בעוועגונג פון מענשען, וועלכע שטעלען דער געזעלשאַפט זייערע געוויסע פּאָליטישע פּאָדערונגען, און ארבייטען דאַפיר, דיא פּרינציפּען זאָלען פערווירקליכט ווערען אין לעבען — **אין פּאָליטישען לעבען** פון דער געזעלשאַפט.

ענדערען דיא פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע בעציהונגען פון דיא מענשען, ניט נור אין איין געמיינדע, אָדער אין איין שטאָדט, אָדער אין איין גובערניע (סטייט), אָדער אין איין לאַנד, אָדער ביי איין פּאָלק; נור אין אלע לענדער און ביי אלע פעלקער — אזוי וויט גרייכט דער אַנאַרכיסטישער, וויא בכלל דער סאָציאליסטישער אידעאַל — אַזאַ אויפגאַבע איז ניט אן ארבייט פאר איין טאָג אָדער איין יאָהר. אַזאַ ארבייט קען ניט געטאָן ווערען אין געהיים; אַזאַ אַרבייט איז ניט קיין קאָנספּיראַטיווע; אזא ארבייט קען ניט געמאַכט ווערען דורך אַ „קו-דעטא" (אַ שטאַאַט-שטרייך); אזא ארבייט איז ניט קיין פערשווערונג — **אַזאַ אַרבייט איז אַן עוואָלוציע!** פאר אזעלכע וויכטיגע ענדערונגען מוזען זיין, ענטוועדער שוין אויסגעשפּראָכענע טענדענצען אין דער געזעלשאַפט גופא, אָדער מען מוז טיכטיג ארבייטען, אָפּען און אונאויפהערליך, אַזעלכע טענדענצען צו שאַפען. איינמאָל זיינען זיי דאָ, מוז מען

ארבייטען זיי צו ענטוויקלען, מוציא מכח אל הפועל זיין, פון אידעע איינפיהרען אין דער פראקטיקע: אין דיא בעציהונגען פון רבים צום יחיד וואס מעהר פרייהייט איינפיהרען; אין דיא פערוואלטונג פון קהל'שע אנגעלעגענהייטען וואס וועניגער צענטראליזאציע דערלאזען; אין דיא עקאנאמישע בעשטרעבונגען וואס מעהר גלייכע געלעגענהייטען זיך צו ערקעמפפען.

אט אזעלכע ארבייט, אזעלכע טהעטיגקייט פון דיא פראפא־גאנדיסטען פון אנארכיזמוס, וואלט ווירקליך פערדיענט דעם נאמען פאליטישע טהעטיגקייט. העלפען דיא פאליטישע ענטוויקלונג פון דער געמיינדע, וויא פון גאנצען לאנד; טרייבען דיא עוואלוציע אין געווינשטען וועג, אויפ'ן וועג וואס פיהרט צום אידעאל — דאס האט געדארפט זיין דיא אנארכיסטישע טאקטיק.

וואס געפינען מיר אנשטאט דעם? מיר געפינען, פון אנהויב ביז'ן אויסלאז, און איבעראל וואו אנארכיסטען לאזען פון זיך הערען, א טאקטיק וועלכע איז דורכדרונגען פון איין געדאנקען, וואס איהר עסענץ קען אויסגעדריקט ווערען אין איין ווארט — א טאקטיק פון „ניין"! לייכטזיניג פערוועכסלענדיג דעם ווארט „פאליטיקע" מיט דיא פאליטישע טהאטזאכען פון לעבען, און זעהענדיג אין דער פאליטיקע נור דעם באס און דעם הערשער, דעם מקור פון אלע אונגערעכטיגקייטען — דעם שטאאט — נעהמען אונזערע אנארכיסטען און פערניינען אלעם וואס טראגט נור א פאליטישען כאראקטער, און רופען דאס פאליטישע טהע־טיגקייט! דיא פאליטיקע, הייסט עס ביי אונז אנארכיסטען, ווערט אנגעפיהרט פון שטאאט: אונזער אידעאל איז עס זאל ניט זיין קיין שטאאט — אלזא איז אונזער טהעטיגקייט צו פערניכטען דיא פאליטיקע!

עס מעג זיך קאכען אין שטעדטיל וועגען א געוויסע מוניצי־פאלע פראגע; דער עולם מעג זיין שטארק פעראינטערעסירט צו מען זאל, צב"ש בעוויליגען דאס רעכט (געבען א פרענטשייז) צו א פריוואט קאמפאניע צו בעטרייבען דיא שטאדט־באהנען, אדער דיא שטאדט זאל עס בעטרייבען אויף איהר אייגענער רעכנונג, אלס איהר אייגענטהום, אליין. וואס פאר א שטעלונג וועט דער אנארכיסט נעהמען אין אזא בעוועגונג? אין דעם פונקט שטעקט א פרינציפיעלע פראגע: איז מוניציפאלע פערוואלטונג א קאנצענטראציע פון פונקציאנען, וועלכע איז, לויט דעם אנארכיס־טישען בעגריף, אין עצם שעדליך; אדער דאס טראגט דעם כא־

ראַקטער פון לאָקאַלע פערוואַלטונג, און איז דאַרום אין איינקלאַנג מיט דער אַנאַרכיסטישער לעהרע? — דעם אַנאַרכיסט׳ס פּאָזיציע איז „ניין!“ אויףביידע זייטען. זיין מאָטיווירונג איז דער בעקאַנטער, סטעראָטיפּנער ענטפער: דיא פּריוואַט קאָמפּאַניעס זיינען רויבער, דיא שטאָדט פערוואַלטער זיינען גנבים —ביידען דאַרף מען זיי פערניכטען, און פּטור!

גלענצענדע פּאָליטישע טהעטיגקייט! וויבאַלד דיא בעאַמטע זיינען גנבים, און דיא קאַפּיטאַליסטען זיינען הויט־שינדער, איז דער אונוויסענדער, אונשולדיגער עולם, דאָס פּובליקום, וועלכער איז אייגענטליך דיא געזעלשאַפט — דער מאַטעריאַל פון וועלכען דיא צוקונפט ווערט געבויט — דערפאַר איז אָט דיא מאַסע שולדיג! דערפאַר דאַרפען מיר זיך ניט מישען מיט זיי, דערפאַר דאַרפען מיר ניט געהן אויף זייערע מיטינגען, אין זייערע אָרגאַניזאַציעס, אויפ׳ן גאַס־ווינקעל און אין דיא צייטונגען, און ערקלערען אונזער שטאַנדפּונקט, און אַגיטירען פאַר איין זייט אָדער פאַר דיא אַנדערע, אָדער פאָרשלאָגען עפּעס נייעס, לויט נאָך דעם וויא אונזער פּרינציפּ דיקטירט אונז! דערפאַר, אויב מיר האָבען אַן אייגענעם אָרגאַן אין דער שפּראַך פון לאַנד, אָדער אַז ניט, איז אין אונזער פרעמדער שפּראַך, מאַכען מיר זיך לוסטיג איבער דיא הבל־הבלים פון בירגערליכען לעבען, שימפּפען אויס דיא פּאָליטיקער מיט׳ן פּובליקום צוזאַמען, און ענדיגען פייערליך מיט דעם געוועהנליכען אַנאַרכיסטישען ובא לציון גואל — מיט „האָך לעבע דיא רעוואָלוציאָן“!

וואָלטען מיר נור אזוי געהאַנדעלט, ווייל מיר קענען אַנדערס ניט — צו ווייל מיר זיינען נאָך צו יונג אין דער בעוועגונג, צו ווייל מיר זיינען צו אָרים אין צאָהל, ניט אָרגאַניזירט גענוג, און האָבען ניט דיא מיטלען אריינצוקריכען צווישען דיא מאַסען און מאַכען אַן איינדרוק אויפ׳ן קהל׳שען לעבען; אָדער ווייל מיר האָבען אויף זיך גענומען אַנאַנדער אויפגאַבע, אָרגאַניזירען ארבייטער אין טרייד־יוניאָנס, פערשפּרייטען עלעמענטאַרע בילדונג, וכדומה; אָדער ענדליך, ווייל מיר טוען קאָנספּיראַטיווע ארבייט, צו מען דאַרף, צו מען דאַרף ניט, און מיר שטעהען מיט דער באָמבע אין דיא הענד, אָנצופאַנגען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציע, צי מען קען, צו מען קען ניט — וואָלטען מיר, זאָג איך, זיך אויסגעקליעבען צו טאָן איינע פון דיא זאַכען, ווייל מיר קענען ניט אַנדערס, אָדער ווייל מיר דיינקען, אַז דאָס וואָס מיר טוען איז היינטיגען

טאָג ניצליכער וויא דיא אַלטעגליכע פּאָליטישע טהעטיגקייט, וואָלט אונזער פּאָזיציע לכל הפחות געווען פערשטענדליך, כאָטשע זיכער ניט ריכטיג. אונזער פּאָזיציע איז אָבער לגמרי ניט פערשטענדליך, זיא איז זאָנדערבאַר און פּשוט שעדליך, ווען אַנאַרכיסטען דרעהען אוים דעם פּעלץ און פּשט'לען אויס, אַז דיא לעהרע פון אַנאַרכיזמוס ערלויבט זיי ניט צו נעהמען אַנטהייל אין דיא געוועהנליכע פּאָליטישע טהעטיגקייט; אַז נעהמען אַנטהייל אין דיא געוועהנליכע פּאָליטישע פראַגען פון שטאָדט און לאַנד איז „געגען דעם פּרינציפּ," איז „אַ פערלייקענונג פון אַנאַרכיזמוס," איז „דער היפּך פון אונזער אידעאַל"!

אונזערע אַנאַרכיסטען האַלטען, אַז מיר טאָרען ניט האַנדלען נאָך דיא בעקאַנטע יעזואיטישע פּאָרמולע, „דער צוועק בערעכטיגט דיא מיטלען", זאָנדערן אַז אונזער טאַקטיק מוז ענטשפּרינגען פון אונזער אידעאַל; און זיי טייטשען עס אוים גאַנץ פּראָסט: דער אידעאַל איז דיא פערניכטונג פון שטאַאַט, מוז אַלזאָ דיא טאַקטיק אויך זיין אַ פערניכטענדע — קיין מישען זיך אין שטאַאַטליכע ענינים, קיין אַנטהייל נעהמען אין פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען, זאָנדערן קעמפּפען געגען שטאַאַט און איגנאָרירען איהם... זעהר ריכטיג. דיא טאַקטיק מוז אַודאי ענטשפּרינגען פון אידעאַל, קיינער קען געגען דעם ניט קריגען. אין גרונד גענומען אָבער איז אפילו דיא יעזואיטישע פּאָרמולע אויך ניט סותר דעם כלל, דען וואָס איז זייער אידעאַל? דיא מאַכט פון דער קירכע, און מאַכט קריעגט מען ניט דורך דעם אייגענעם בטול היש. כדי צו קריעגען מאַכט זיינען אַלע מיטלען, דיא ריכטיגע מיטלען צו ערגרייכען דעם אידעאַל פון מאַכט. אונזער אידעאַל איז ניט דיא „פערניכטונג" פון שטאַאַט, נור דאָס פריעדליכע לעבען אָהן שטאַאַט, — וועלכע טאַקטיק אַלזאָ דאַרף נאָך דעם חשבון ענטשפּרינגען פון אונזער אידעאַל? שוין ניט צו רעדען, וואָס ביי אונזערע גענאָסען איז דיא מאָראַלע פראַגע, צו דיא מיטלען זיינען עהרליכע אַן און פיר זיך, גאַנץ אויסגעשלאָסען. דיא פראַגע שיינט צו זיין לכל הדיעות אַ שטרענג פּראַקטישע: צו וועט דער מיטעל ברייגנען דעם געווינשטען ציעל. זיא איז אַ שטרענג פּראַקטישע פראַגע ניט נור ביי יעזואיטען, נור אפילו ביי דיא נאָבעלסטע רעוואָלוציאָנערען. ווארפען באָמבעס און הרג'נען מענשען, טוידטען אַ פּלעהווע אָדער אַ קאַנאָוואַס, אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אָדער הומבערט'ן, איז בערעכטיגט נור צוליעב דעם ציעל — דיא טובה פון דער מענש-

הייט — נעהמען אַ לעבען אָן און פיר זיך איז מאָראַליש אודאי ניט עהרליך.

דיא טאַקטיק איז אַ מעטאָדע וויא צו בעקומען אַ געוויסען וואונש. דאָס איז וואָס דיא וועלט פערשטעהט אונטער דעם כלל, אַז דיא טאַקטיק מוז ענטשפּרינגען פון אידעאַל. דיא וועלכע ווייסען וואָס זיי ווילען, און ווייסען וואָס עס וועט פיהרען דערצו, אין אַנדערע ווערטער: אַלע דיא וועלכע פערשטעהען מעהר אָדער וועניגער דיא פערבינדונג פון אורזאַכע און ווירקונג, וועלען טאָן דאָס, וואָס זיי דיינקען אַז עס וועט ברייגגען דיא געווינשטע ווירקונג. דיא אַנאַרכיסטישע אויסטייטשונג אָבער מכח דיא טאַקטיק געגען דעם שטאַאַט איז שוין אַביסעל צופּראָסט. דער שטאַאַט איז ניט אַ פּערזאָן וועלכען מען קען טוידטען און פערניכטען. דער שטאַאַט איז אַן אבסטראַקציע, אַ אידעע, אַ פאָרמע וויא דורכצופיהרען קהל'שע ענינים: אַ שלעכטע פאָרמע, אַ שעדליכע אידעע, נאָך אונזער בעגריעף נאָך, אַן אבסטראַקציע וועלכע מען דאַרף אויסוואורצלען פון דיא מוחות פון מענשען — דיא קהל'שע ענינים אָבער זיינען דאָך ווירקליכע, לעבעדיגע פאָדערונגען, וועלכע מען קען ניט, און קיינער וויל ניט, פערניכטען אָדער איגנאָרירען. פיהרען דיא קהל'שע עסקים לויט דיא אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען איז דאָך דער סאַמע אידעאַל: מישען זיך אַלזאָ אין דיא דאָזיגע עסקים, אַנטהייל נעהמען אין דיעזע פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען און ווירקען דורך דעם גופא געגען דיא שטאַאַטליכע אידעע, איז דאַכט זיך אודאי אַ לאָגישע טאַקטיק, וועלכע ענטשפּרינגט פון אידעאַל און ענטשפּרעכט דיא בעדינגונגען, וועלכע קענען פערווירקליכען דעם אידעאַל.

קעמפּפען געגען אַ קאָנסטיטוציאָנעלען שטאַאַט, אין וועלכען דיא אידעע הערשט, ניט דיא פּערזאָן פון בעאַמטען, איז לאָגיש אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, סיידען דורך דיא קעפּ פון דיא מענשען, וועלכע האַלטען אויף דיא אידעע. ענדערן דיא אידעע — מאַכען אַ רעוואָלוציע אין דיא מוחות — איז אַלזאָ דיא איינציגע מעגליכע טאַקטיק וועלכע האָט אַ פערנינפטיגען זינען. דאָך קען מען זיך פאָרשטעלען, אַז פאר איינינע מענשען קען עס נאָך זיין אַן אָפענע פראַגע, צו וואַרפען אַ באָמבע אין אַ רעסטאוראנט אָדער אין פּאַרלאַמענט וועט מאַכען דיא נויטיגע רעוואָלוציע אין דיא מוחות, צו דיא פריעדליכע טהיילנאַהמע אין קהל'שע-פּאָליטישע עסקים וועט אויפטאָן דיא ארבייט בעסער. אַ טהייל קען האַלטען

פאר דיא ערסטע מעטאָדע, און אַנאַנדער טהייל מעג זעהר שטאַרק נוטה זיין צו דיא צווייטע מעטאָדע — וואו איז אָבער דער זינן פון דער בעהויפּטונג, אַז דיעזע צווייטע מעטאָדע איז גאָר אַ היפּך פון אַנאַרכיסטישען אידעאַל? אויב מען קען אין דיעזער מעטאָדע פון קהל׳שע־פּאָליטישע טהעטיגקייטען געפינען חסרונות, איז וואָס? וועלכע מעטאָדע האָט ניט קיין חסרונות? האָט דען דיא באָמבען־מעטאָדע גאָר קיין פעהלערען ניט? איך, פון מיין צד, האָב קיין אורזאכע ניט צו פערלייקענען דיא חסרונות פון מישען זיך אין קהל׳שע זאַכען — אָבער בעטראַכטען עס דערפאַר אַלס אַ היפּך פון אַנאַרכיזמוס איז, נאָך מיין מיינונג, לחלוטין קיין גרונד ניטאָ.

איגנאָרירען דעם שטאַאט, זעהט איהר, איז ווידער גאָר אַנאַנדער זאַך. ווען אַנאַרכיסטען וואָלטען געווען געקענטען פון דעמ־זעלבען ליים, פון וועלכען דיא ערסטע קריסטען זיינען געקנעטען געווען; ווען זיי וואָלטען געווען מענשען מיט אַזעלכע שטאַרקע כאַראַקטערען און פעסטע איבערצייגונגען וויא אַ טהאָראָ איז געווען, און וואָלטען זיך ענטזאַגט צו צאָהלען טעקסעס און צו העל־פען די הערשאַפט פון שטאַאט דירעקט און אינדירעקט, ווי טהאָרא האָט געטאָן און וויא טאָלסטאָי הייסט טאָן; ווען זיי וואָלטען פערטיג געווען זיך מוסר נפש צו זיין פאר זייער אידעאַל, שמאַכ־טען אין געפענגנים פאר זייערע אידעען, און לעבען לחלוטין לויט זייערע איבערצייגונגען אין אַלע הינזיכטען — ווען זיי וואָלטען טאַקי אויף אַן אמת איגנאָרירט דעם שטאַאט, דאַן וואָלטען זיי דערמיט אפשר ווירקליך געמאַכט אַ גרויסען רושם אין דיא מוחות פון אַלע מענשען, און עס וואָלט זיך אָנגעהויבען דער סוף פון דיא שטאַאטליכע אידעע. טאָלסטאָי פּרעדיגט דיעזע מעטאָדע פאר דיא לעצטע פאָאר צעהנדליג יאָהר, עס איז אָבער אין ערגעץ ניט צו זעהען און ניט צו הערען, אַז אונזערע רעוואָלוציאָנערע אַנאַר־כיסטען זאָלען אָט אַזוי איגנאָרירען דעם שטאַאט. אפילו קיין רעכטע דיסקוסיאָן פון דיעזער מעטאָדע איז צומאָל ניט צו הערען אויף אונזערע פערזאַמלונגען, אָדער אין אונזערע אָרגאַנען.

קעמפּפען געגען דעם שטאַאט, אָדער איגנאָרירען איהם, זיינען צוויי גאַנץ פערשיעדענע מעטאָדען, ניט נור אין בעצוג צו דיא ווירקונג וואָס זיי קענען מאַכען, נור אויך אין עצם פון דער זאַך גופא. ווען מיר קעמפּפען געגען אַ שעדליכע אינסטיטוציע, אַנער־קענען מיר פאַקטיש איהר עקזיסטענץ, ביז וואַנען מיר זיינען אים

שטאנד זיא גובר צו זיין און אויפבויען אויף איהרע רואינען דעם בנין פון אונזער אידעאל. דיא מיטלען פון קאמפף מוזען ניט זיין נאטהווענדיגערווייזע דיעזעלבע מיטלען וואס בויען דאס נייע. ווען איהר געהט איינוואַרפען א הויז, צובּרעכט איהר זיא ניט מיט דיא שטיינער מיט וועלכע איהר וועט בויען דאס נייע הויז, נור איהר ברעכט זיא מיט אן אייזערנעם לאם און מיט א האק. אין רעוואלוציאנערען קאמפף געגען שטאאט געברויכט איהר דעם ביקס און דיא באמבע, מיטלען וועלכע זיינען ווייט ניט קיין טהייל פון דער צוקינפטיגער אנארכיסטישער געזעלשאפט, נור גיכער דער היפך פון דעם. דער אידעאל איז דער ווייטער פונקט אויפ׳ן האריזאנט (שטח הרקיע), דער פיינד שטעהט אנטקעגען אונז, און דיא מיטלען פון קאמפף זיינען דיא וואס מיר געפינען לעבען האנד. איידער דיא מיטלען ווירקען, בויגען מיר זיך ניט ווילענדיג צו דיא איבערמאכט פון פיינד, אבער דער אידעאל פון ווייטען דיענט אונז בעת מעשה אלס טרייסט און וועג ווייזער. א טרייכט און וועגווייזער קען זיין דער אידעאל, אבער דער סאמע מיטעל פון קאמפף קען ער דאך ניט זיין. דער פיינד, דער געגענשטאנד פון קאמפף, שטעהט צווישען דיא מיטלען און דעם אידעאל: דיא מעטאדע איז דער היינט, דער אידעאל איז דער מארגען, צווישען זיי ליעגט דיא פינסטערע נאכט, וועלכע מען מוז בעזיעגען.

גאנץ פערשיעדען אבער איז דיא פאזיציע פון איגנארירען דעם שטאאט. דא עקזיסטירט פאר אונז ניט קיין פיינד — מיר איגנארירען איהם, ער איז פאר אונז ניטא. דער אידעאל הענגט ניט פאר אונז ערגעץ וואו, ווייט אויפ׳ן האריזאנט. ער איז ניט דער מארגען: ער איז דא ביי אונז היינט. דיא רעוואלוציע איז פאר אונז שוין געמאכט געווארען. עס איז מעהר קיין פראגע ניט, צו דיא מעטאדע שטימט מיט׳ן אידעאל, דען דער אידעאל אליין איז אונזער מעטאדע. אנארכיסטען וועלכע וואלטען אזוי האנדלען, וואלטען א רעכט געהאט אונז צו זאגען: פערלייקענט ניט דעם אידעאל! מישט זיך ניט אין דיא קארופטע טהעטיגקייטען פון שטאאטליכען לעבען, וועלכער איז געבויט להיפך צו דיא אנארכיסטישע פרינציפען. לעבט שוין גלייך אנארכיסטיש, און אויב א צוזאמענשטויס פון אייך מיט דיא שטאאטליכע אויטאריטעטען מוז פארקומען, טא זאל דער צוזאמענשטויס פארקומען שפעטער! אזעלכע רייד וואלטען זיין לאגיש; מען וואלט זיי געקענט לכל הפחות ריכטיג פערשטעהען, אויב אפילו נור ווענינע וואלטען זיי געקענט

פּאָלגען. ווען אָבער אַנאַרכיסטען זאָגען: „מיט'ן שווערט און מיט באָמבעס זאָלט איהר קעמפּפען געגען שטאַאַט, אָבער חיות ניט זוכען צו ענטוויקלען אַנאַרכיסטישע פּאַראַנדקעס, מישענדיג זיך אין פּאָליטישען לעבען, ווייל דאָס איז געגען פּרינציפּ, געגען אי־דעאַל!" — איז דאָס ניט נור לחלוטין ניט לאָגיש, נור עס איז פּשוט אונפערשטענדליך, וויא אזוי דער אַנאַרכיזמוס קען דאָס זאָגען.

איין ערקלערונג קען מען נור געפינען פאר דיזע זאָנדערבאַרע פּאָזיציע: עס איז ניט דער אַנאַרכיזמוס וועלכער זאָגט עס מיט'ן מויל פון אַנאַרכיסט, זאָנדערן עס איז זיין שותף, דער רעוואָלוציאָנאַריזמוס, וועלכער נעהמט זיך דיא העזה ארויסצוגעבען זיין אייגענע מיינונג אלס דיא מיינונג פון דעם אנדערן און וויכטיגערען שותף! דען מיר דארפען ניט פער־געסען, אז צווישען אונזערע איז דער אַנאַרכיזמוס ניט אליין נור וויא דער חומש זאָגט: „זכר ונקבה בראָם" — ווען דער אַנאַר־כיזמוס איז בעשאַפען געוואָרען, איז דיא רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק מיט־בעשאַפען געוואָרען מיט איהם. נאָך מעהר, דיא רעוואָלוציאָ־נערע מעטאָדע איז שוין זאָגאר געווען אָנגעגרייט פון פריהער. דיא וועלכע האָבען געשאַפען און אויסגעארבייט דעם אַנאַרכיזמוס מיט זייער אייגענעם שכל, האָבען שוין געהאַט דעם רעוואָלוציאָנאַריזמוס בקבלה. אונזערע ערסטע רביים, און אלע דיא צו וועלכע מיר ווענ־דען אונזערע אויגען נאָך איצטער מיט עהרפורכט, זיינען געווען רעוואָלוציאָנערען־אַנאַרכיסטען: רעוואָלוציאָנערען א פריהער און אַנאַרכיסטען נאָכהער. דיא תלמידים זיינען זיך אָפּטמאָל נאָך מפלפל מכח דיא טהעאָריע פון אַנאַרכיזמוס, דיא רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק אָבער איז אַ טראַדיציע, וועלכע איז געוואָרען אַ הייל־ליגטהום.

„דער אַנאַרכיזמוס — דאָס איז אַזאַ טעמפּעראַמענט," האָט מיר געזאָגט דאָ ניט לאַנג געגן. טשייקאָווסקי, רעדענדיג מכח דיא פראַגע. נור דער וואָס איז רעוואָלוציאָנער געזאָגען, קומט אויס נאָך איהם, וועלכער איז געשטאַנען נאָהענט צו דער אַנאַרכיסטי־שער בעוועגונג פאר דיא לעצטע 20 יאָהר, קען ווערען אַן אַנאַר־כיסט. איך האָב תמיד געדענקט, אז דער אַנאַרכיזמוס איז אַ שכל־זאַך, אַ פּערנינפטיגע אנשויאונג; איך האָב קענען געלערנט אַ פילאָזאָפישען, קלאָר־וויסען אַנאַרכיזמוס — עס שיינט אָבער, אז טשייקאָווסקי האָט רעכט אין זיין וועג: דאָס וואָס ער זאָגט איז

א פאקט, וועניגסטענס וואס אנבעלאנגט צו אונזערע באקונין־קראפאטקינשע אנארכיסטען. זייער שילער און געבארענער רעוואלוציאנער, אונזער פערשטארבענער גענאסע מאסט, איז זיכער געוועזן דער בעסטער ביישפיעל פון א טעמפעראמענט־אנארכיסט; און ער האט ניט קיין קליינעם איינפלוס געהאט אויף די אנארכיסטישע בעוועגונג דא אין לאנד. עס איז אלזא דער רעוואלוציאנערער געפיהל וועלכער רעדט אין אונז, אז מיר טארען קיין מגע ומשא ניט האבען מיט דיא פריעדליכע פאליטישע טהעטיגקייט. דער שטאנדפונקט פון רעוואלוציאן איז געגען דיא לאנגזאמע טריט־ביי־טריט ארבייט; ניט דאס איז אבער דער שטאנדפונקט פון דיא אנארכיסטישע פרינציפען. דער רעוואלוציאנער זעהט אין דיא געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג נור וויא עס בייטען זיך דיא דעקאראציעס: זיין ארבייט איז זיי צו בייטען. דער אנארכיסט אינטערעסירט זיך הויפטזעכליך מיט דיא אקציאן, און זיין אויפגאבע ליעגט אין דיא טהעטיגקייט גופא וואס קומט פאר אויף דיא ביהנע פון לעבען. ווען דיא צייט קומט דיא דעקאראציעס צו בייטען, איז דיא רעוואלוציאנערע מעטאדע אונפערמיידליך — מוז זיא דען אבער דארום זיין שטענדיג אונצוטיילבאר פון פרינציפ? איז דען דיא בלוטיג־רעוואלוציאנערע האנדלונג דער עססענץ פון דיא אנארכיסטישע פרינציפען?

זיינען מיר דען אנארכיסטען דערפאר, ווייל מיר דענקען, אז דיא היינטיגע געזעלשאפט איז דורך־און־דורך פערדארבען? דאס האבען שוין געדענקט דיא סיינט־סימאניסטען אין אנפאנג פון פאריגען יאהרהונדערט, וועלכע זיינען ווייט ניט געווען קיין אנארכיסטען. אדער זיינען מיר אנארכיסטען דערפאר, ווייל מיר דענקען, אז נור דורך פייער און בלוט קען געבארען ווערען דיא נייע געזעלשאפט? קארל מארקס און דיא ערסטע סאציאלדעמאקראטען האבען אזוי געדענקט, און, אין לעצטער רעכנונג, דיינקען דיא ארטאדאקסע סאציאלדעמאקראטען נאך היינט אויף דאסזעלבע; נור זיי מיינען, אז דיא בלוטיגע רעוואלוציע, וועלכע וועט מסתמא סוף כל סוף קומען, וועט ברייגען דיא סאציאלדעמאקראטישע, ניט דיא אנארכיסטישע געזעלשאפט. וואס דען אלזא מאכט אונז פאר אנארכיסטען, אויב ניט דער אומשטאנד, וואס מיר האלטען דיא פאליטישע דעצענטראליזאציע און דיא עקאנאמישע זעלבסטשטענדיגקייט פאר אונזער אידעאל? מיר זיינען אנארכיסטען — עס איז כמעט א שאנדע צו דארפען דאס נאך בעטאנען — ווייל

מיר האַלטען אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען, ניט דערפאַר ווייל מיר האַלטען פון די רעוואָלוציאָנערע אָדער אַנאַנדער מעטאָדע. ווען מיר זאָלען אָננעהמען דיא טהאָרא־טאָלסטאָי מעטאָדע פון איגנאָרירען דעם שטאַאט, אָדער דיא פּרודאָן־טאַקערישע מעטאָדע פון עקאָנאָמישען מיוטואַליזם, וועלען דען דיא אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען ניט בערעכטיגען אונז דאַן צו רופען זיך אַנאַרכיסטען?

קיינער צווייפעלט ניט, אַז דיא מעטאָדע, פאר זיך בעטראַכט, איז זעהר אַ וויכטיגע פראַגע. עס איז קיין ספק ניט, אַז פונקט וויא דיא מעטאָדע שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דיא וויסענשאַפטליכע פאָרשונג, אזוי שפּיעלט זיא אויך אַ וויכטיגע ראָלע אין דיא פערווירקליכונג פון אידעאַלען, פון געזעלשאַפטליכע פּרינציפּען. דער וויסענשאַפטסמאַן וועט אָבער קיינמאָל ניט פערמישען דיא אידעע מיט דער מעטאָדע. ווען עס גרייכט שוין אזוי ווייט, אַז מעטאָדע און פּרינציפּ ווערען אונצוטיילבאַר; ווען דיא גענאָסען פערגעסען שוין זאָגאַר אַז זיי זיינען צוויי — דאַן איז צייט פון דאָס נייע עקזאַמינירען דיא פּרינציפּען און עטאַבלירען וואָס זיי זיינען.

עס איז צייט, פריהער פאר אַלעס, קלאָר צו ווערען אין דעם סאַמע פאַקט פון דיא שותפות. עס איז נויטיג געוואָרען צו דערמאָנען דעם גרעסטען טייל פון דיא היינטיגע גענאָסען־אַנאַרכיסטען, אַז דיא רויטע פאַרב פון אַנאַרכיזמוס איז בלויז אַן אויסערליכער מאַנטעל, וואָס דער רעוואָלוציאָנער האָט אויף איהם ארויפגעוואָרפען — אַ רוימער פאַנצער גוט צו טראָגען אין אַ צייט פון מלחמה — אָבער מאַנטעל און גוף זיינען צוויי פערשיעדענע זאַכען. דער אַנאַרכיזמוס פון אונזער שולע איז על פּי סבה געבאָרען געוואָרען אין אַ רויטע העמדעל. רויט איז צוגלייך אַנציהענד און אָבשטויסענד — דאָס איז דער שליסעל צום סעקרעט, פארוואָס אונזער בעוועגונג האָט ארויסגערופען אזוי פיעל ענטוזיאַזמוס און אזוי פיעל האַס. עס איז אָבער בשום אופן ניטאָ קיין אינערליכער צוזאַמענהאַנג צווישען דיא אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען און אַ רויטע קליידעל. ליידער אָבער האָט דיא מעטאָדע, דיא בלוטיגע־רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק, אריבערגעדעקט דעם פּרינציפּ, דעם אַנאַרכיזמוס. אזוי גיך וויא ער איז ארויסגעוואַכסען פון דיא באַקונישע מאַסען־בונטען, האָט מען אויף איהם ארויפגעצויגען דיא רויטע קלייד פון ארבייטער־רעוואָלוציעס; שפּעטער האָט יעדערער וואָס האָט נור געוואָלט, אָנגעטאָן אויף איהם דיא בלוט־רויטע דעקע פון

אינדיווידועלען טעראָר — איצט, אין רוסלאַנד, ערלויבען זיך שוין פּראָסטע הוליגאַנעס צו בעדעקען איהם מיט שוואַרצע מער־דער־בלוט, אָהנע ארויסצורופען אַ שטאַרקען פּראָטעסט פון דיא אַנאַרכיסטישע גרופּען*) — איז עס אַ וואונדער וואָס דעם עולם איז רויט אין דיא אויגען פון אנאַרכיזמוס?

עס איז צייט מיר זאָלען אָנפאַנגען צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם אַנאַרכיזמוס. עס איז צייט איהם צו ווייזען פאַר'ן עולם אין זיין ריכטיגע געשטאַלט, וועלכע איז גאָר ניט אזוי רויט, וויא דיא גע־נאָסען מאָלען איהם אָב. מעג דיא רויטע מעטאָדע זיין מי יודע וויא גוט, מעג זיא אפילו זיין געדעכענט ביי די גענאָסען פאַר די בעסטע, פאַר די איינציגע מעגליכע — מוז מען דאָך וויסען פאַרצושטעלען זי אַלס מעטאָדע, ניט אלס פּרינציפּ פון אַנאַרכיזמוס. בפרט נאָך, אַז עס איז אַ גרויסער ספק, אויב דיא דאָזיגע מעטאָדע איז גאָר אין גאַנצען וויכטיג פאַר דיא פערשפּרייטונג פון אַנאַרכיסטישע פּרינ־ציפּען; און בפרט נאָך אַז עס איז אַ גרויסע סברא, אַז זיא איז גאָר שעדליך דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדא. —

---

*) אין דיא לעצטע פּאָר מאָנאט האָבען זיך גענומען אָפּטער הערען שטימען פון פּראָטעסט, צווישען דיא רוסישע אנאַרכיסטען, געגען דיא הוליגאנסקע „עקספּראָפּריאציעס“ און מאָרדען; און עס איז דאָ אַ האָפנונג, אַז עס וועט קירצליך פערווירקליכט ווערען אַ פּלאַן פון אָרגאַ־ניזאציע, וועלכער וועט מאכען אַ סוף צו יענע מעשים תעתועים.

## 2.

## דיא רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע.

— „פּראָפּאַגאנדא דער טהאַט" און טעראָר. —

אויב אירגענד וועלכע מעטאָדע שיינט פון אויבען אויף צו זיין געגען דיא פּרינציפּען פון אַנאַרכיזמוס, איז עס דיא „רעוואָלוציאָנערע" מעטאָדע אודאי. אויב אן אַנאַרכיסט טאָר ניט וואָרטען, טאָר ער אַ מענשענ'ס לעבען אודאי ניט נעהמען. אויב ער שרעקט זיך אזוי אָב פאר דעם מורא'דיגען פערברעכען פון העלפען מאַכען אפילו אַ פּריוואַטליכען געזעץ פאר דעם אַנדערן, טאָ וויפיעל מאָהל מעהר דאַרף ער זיך אָבשרעקען אַוועקצונעהמען דעם אַנדערענס לעבען אָדער אייגענטהום, אָהן אַ דין און אָהן אַ דיין? אונזערע גענאָסען שרעקען זיך ניט אָב, ניט פאַר אַטענטאַטען, און ניט פאַר אינדיווידועלע עקספּראָפּריאַציע — זאָלאַנג עס האַנדעלט זיך אום אַ הייליגען צוועק. אין געצעהלטע פעלע גיט זיי דיא וועלט קרעדיט דערפאַר; דען עס שיינט אַז דער הייליגער צוועק בערעכטיגט טאַקי דאָך אַלע מיטלען — וואָלטען מיר לכל הפחות זיין זיכער, אַז עס העלפט דעם הייליגען צוועק, אַז דיעזע מעטאָדע איז דיא בעסטע!

דאָס וואָרט רעוואָלוציע האָט פאר אונז ראַדיקאַלען זעהר אַ ציהענדען קלאַנג: דיא רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע האָט אונז בעצויבערט. רעוואָלוציע קלינגט אונז אַלץ איינס וויא פּראָגרעס. אַ רעוואָלוציע וועקט אויף דיא מוחות און טרייבט פאַרנאַנדער דעם גרינעם שימעל, וואָס דער שטילשטאַנד שפּרייט אוים אויף דיא אָבערפלעכע פון רוהיגער אָרדנונג. פּראָגרעסיווע מענשען זיינען דאַרום מקבל באהבה יעדע בעוועגונג, וועלכע פערשפּרעכט ארויסצורופען טיעפע ענדערונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען. דיא רעוואָלוציאָנערע טוער, דיא אמת'ע העלדען, וועלכע זיינען מקריב זייער לעבען פאר דעם גליק פון דער מענשהייט, זיינען פון אונז אַלעמען בעזאָנדערס געאַכט און געליעבט. יאָ, דיא גאַנצע וועלט, און צו אַלע צייטען, איז געווען גרייט אָבצוגעבען כבוד דעם טאַפּפערען העלד, וועלכער אָפּפערט זיין לעבען פאר דיא טובה פון כלל. נור דער קאָנסערוואַטיווער המון, אין זיין אונוויסענהייט און

פראסטקייט, שטעלט דעם העלד דיא בעדינגונג — ער זאל זיין ערפאלגרייך...

מיר זינגען לויב־געזענג נאך מיט פיעל מעהר בעהארציגקייט צו דיא ניט־ערפאלגרייכע, צו דיא **געפאלענע** העלדען. מיר ווייסען צו שעצען דיא טרעגער פון דיא רעוואלוציאנערע געדאנקען און דיא אויספיהרער פון דיא אמת־רעוואלוציאנערע טהאטען, אלס דיא פיהרער פון פראגרעס, אלס דיא וואהלטהעטער פון דער מענשהייט, אלס „דאס זאלץ פון דער ערד". דיא רעוואלוציע אלזא, אלס א שם הכולל, האט זיכער ניט נויטיג צו ענטשולדיגען זיך פאר אונז; אבער — מיר דארפען ניט פערגעסען ערשטענס, אז רעוואלוציע מיינט ניט דוקא בלוט פערגיסונג, און דער ביקס און שווערד זיינען ניט אימער דיא כלי זיין, וועלכע זיא געברויכט אין איהר מלחמה. צווייטענס, ניט אלעס וואס מען רופט אן רעוואלוציע פערדיענט דעם נאמען. און דריטענס, כדי צו קענען אבשאצען דעם ווערטה פון דער רעוואלוציאנערער מעטהאדע פאר אזעלכע וועלט־אומפאסענדע אידעאלען וויא אנארכיזמוס, און סאציאליזמוס בכלל, מוז מען אימער געדיינקען דעם גרויסען חלוק אין דיא קאמפפס־בעדינגונגען פון א פאליטישע, ביז א **סאציאלע** רעוואלוציע.

עס איז דא ניטא וואס צו רעדען וועגען אזעלכע בלוטלאזע „רעוואלוציעס" וויא דיא, וועלכע א ספענסערישער „רעוואלוציאנער" שטעלט זיך פאר, אויף דיא יסודות פון דיא געזעצע פון קראפט און שטאף. דיא וועלט ענדערונגען, וועלכע דריקען זיך אויס אין דיא כחות פון **אינטעגראציע** און **דיסאינטעגראציע**; דיא אורשפרינגליכע טענדענצען פון **אינדיווידואליזאציע** און **סאציאליזאציע**, וועלכע הויבען זיך אן פון דיא שטערען אין הימעל, בעווייזען זיך שוין אין דער אמעבא, און ארבייטען אויס זייערע „רעוואלוציעס" אין דיא היינטיגע פארמען פון סאציאלען לעבען — מעגען זיך זיין פילאזאפיש גאנץ אינטערעסאנט. (אויף שפאס וואלט איך דיזע געלעהרטע, וועלכע קוקען אויף אונזער לעבען דורך דיא גלעזער פון טעלעסקאפ און מיקראסקאפ, אנגערופען „אסטראנאמישע רעוואלוציאנערן".) ניט זיי האב איך אין זינען, ווען איך רייד וועגען רעוואלוציעס אהן בלוטפערגיסונג. איך נעהם אפילו אין דעם חשבון ניט אריין דיא „רעוואלוציאנערן" דעטערמיניסטען, וועלכע פערלאזען זיך רוהיג אויף דיא אונבעדינגטע רעוואלוציע וואס דיא כחות („אייזערנע געזעצע" אדער „טענדענצען") פון דיא פראדוקציאנספארמען מוזען ברייגנען אין דער געזעלשאפט, אהן אונזער מיט־

ווירקונג און זאָגאר געגען אונזער ווילען — אַלע אַזעלכע רעוואָלו־ציעס דאַרפען ניט נור קיין ביקס און קיין שווערד ניט, אפילו דיא פען און דיא פּלאַטפאָרמע זיינען פאר זיי איבעריגע זאכען. אַזעלכע „רעוואָלוציעס“ קענען אין אונז אַרויסרופען אַ חשק, ענטהוזיאַס־טיש — איינצושלאָפען אויף אַ פּאָר טויזענד יאָהר, און דאַן אַ בליק טהאָן ריקווערטס . . .

איך האָב אין אויג געזעלשאפטליכע טהעטיגקייטען, פאר וועל־כע מען מוז אָפטמאָל דורכמאַכען גאַנץ שווערע קעמפּפע, פאר וועל־כע מען מוז פיהרען שטענדיגע מלחמות מיט דער היינטיגער גע־זעלשאַפט, אָהן פייער־וואפען; וועלכע ברייגען ווירקליכע עקאָנאָ־מיש־פּאָליטישע רעוואָלוציעס, ניט פערגיסענדיג איין טראָפּען בלוט — וויא צוםביישפּיעל, דיא קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג, אויפ׳ן עקאָנאָמישען פעלד, וועלכע פערשפּרייט זיך אַלץ ברייטער אין ענג־לאַנד, פראַנקרייך, בעלגיען און אַנדערע לענדער; דיא אַנטי־מילי־טערישע בעוועגונג, פאַר וועלכע אונזערע גענאָסען זיינען טהעטיג אין פראַנקרייך; דיא אַלגעמיינע פריעדען בעוועגונג, מיט וועלכע אויפריכטיגע אידעאַליסטען גיבען זיך אָב; דיא בעוועגונג פאר דיא פרייהייטליכע ערציהונג פון יונגען דור; דיא בעוועגונג פאר גלייכ־בערעכטיגונג פון פרויען, אין געשלעכטליכע און אַנדערע בעציהונ־גען (ניט דוקא וואולגארנע „פרייע ליעבע“), וויא אויך צעהנדליגע אַנדערע עטהישע און קולטור בעוועגונגען, וועלכע העלפען מאַכען ווירקליכע רעוואָלוציעס (ניט קיין „אַסטראָנאָמישע“) אין אונזער געזעלשאפטליכען לעבען. דיא מאַטעריאַליסטישע אַזוי גוט וויא דיא אידעאַלאָגישע בעוועגונגען, (דיא קאָאָפּעראַטיווע פעראיינען קאָנ־טראָלירען אין אייניגע לענדער היבשע סומען מיטלען, און מאַכען אַ שטיקעל רושם אויף דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָפיט סיסטעם,) האָבען אין זייער דיענסט אַ מאַסע געטרייע ארבייטער, וועלכע רע־וואָלוציאָנירען דיא געזעלשאפט אָהן באמבאַסטישע קלאַפּעריי, אָהן פייערווערק, געוואַלטען און פערגוואַלטיגונגען. פאר דעם באַמבען־וואַרפער זיינען אַלע אַזעלכע טהעטיגקייטען צו לאַנגזאַם — זיי זיי־נען אָבער מחמת דעם ניט וועניגער רעוואָלוציאָנער. אדרבא, בע־טראַכטענדיג דיא זאַך פון אַ טיעפערן שטאַנדפּונקט, מוז מען צו־געבען, אַז זיי זיינען אַ סך מעהר רעוואָלוציאָנער וויא דיא זאָגע־נאַנטע „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט“. יעדענפאלס זיינען דיא דאָזיגע אַלע טהעטיגקייטען איינגעשלאָסען, און פערנעהמען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין דיא שטענדיגע רעוואָלוציאָנערע געהרונג, וועלכע הערט

קיינמאָל ניט אויף צו ווירקען אין אַ לעבעדיגע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט.

דער בלוטיגער קאַמפּף, דיא געשלעג וואָס מען רופט רעוואָלוציע, שפּרינגט פון הוילער הויט קיין מאָל ניט אַרויס. אויף וויפיעל מיר קענען לערנען פון היסטאָריע, זיינען מיר איבערצייגט, אַז אַזאַ בלוטיגע געשלעג מוז פּאָרקומען צווישען דיא אָבגעלעבטע און דיא נייע געזעלשאַפטס־פּאָרמע — זיא איז אָבער ניט מעהר וויא איין מעכטיגער, לעצטער קאַמפּף פון אַ גאַנצע רייהע פון קעמפּפע, וועלכע האָבען לאַנגזאַם און זיכער געענדערט דעם אינהאַלט פון לעבען. דיזע לאַנגזאַמע ענטוויקלונגס־קעמפּפע זיינען, פון שטאַנדפּונקט פון סאָציאַלע עוואָלוציע, דיא וויכטיגסטע רעוואָלוציעס. אויף דיזע קעמפּפע מוז מען מעהר אַרבייט אַוועקלעגען, זיי מוזען נויטיגער אַרויסגערופען ווערען, איידער דער לעצטער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּף, ווייל ער הייננט אָב פון זיי, ניט זיי פון איהם. מיר טאָרען אַלזאָ קיין טעות ניט האָבען און בעגרענצען אונזער בעגריף פון רעוואָלוציע נור צו דיא געפעכטעריי אויף דיא באַריקאַדען. זינגענדיג שירים נור צו דיא באַריקאַדען־שלאַכטען, פערנאַכלעסיגען מיר דאַדורך דיא „פריעדליך־רעוואָלוציאָנערע“ אַרבייט פון אַ גאַנץ יאָהר; און אָבלאָזענדיג דיא דאָזיגע וויכטיגערע אַרבייט, האַלטען מיר דערמיט אָב דאָס אָנקומען פון דיא לעצטע, ענטשיידענדע שלאַכט גופא. רעוואָלוציאָנער אויף אַן אמת איז דיא פּאַרטיי, וועלכע ענדערט דיא מיינונגען און רופט אַרויס פּראָגרעסיוו־געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייטען ביי דיא מענשען, ניט דיא וועלכע שרייט רעוואָלוציע און פּרעדיגט בלויז אויפשטאַנד, און בעוועגט עטליכע פערצווייפעלטע בייצוטראָגען, פאַר דער צייט, זייער חלק שיסעריי, אויף וועלכע זיי קענען זיך ניט דערוואַרטען. ליידער אָבער שטאַמען אונזערע רעוואָלוציאָנערע בעגריפע און טראַדיציעס פון אַ פּעריאָדע, ווען דער מיטעל פון „בלוט לאָזען“ האָט זיך גערעכענט פאַר דיא ערסטע און בעסטע רפואה צו אַלע קראַנקהייטען...

אַם וויינינגסטען רעוואָלוציאָנער פון אַלע מעטהאָדען וויא צו ווירקען פאַר סאָציאַלע אומענדערונגען, איז דיא זאָגענאַנטע „רעוואָלוציאָנערע“ טאַקטיק פון דיא פּראָפּאַגאַנדא דער טהאַט'ניקעס, וועלכע רופען אָן זאָגאַר דעם טעראָריסטישען אַטענטאַט מיט דעם פיעל מיסברויכטען נאָמען פון רעוואָלוציע. דער אַטענטאַט ענדערט אויף קיין האָר ניט דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. ער האָט, אויסער אין רוסלאַנד, אַפילו קיין פּאָליטישע ענדערונג אין ערגעץ ניט גע־

מאכט. ער האָט ניט ארויסגערופען אין לעבען אפילו דעם קלענסטען ווינטעלע וואָס זאָל בלאָזען אין דיא ריכטונג פון אנארכיסטישען אידעאַל — און דאָך מיינען א טהייל אנארכיסטען, אז דער אינדי־ווידועלער אטענטאט איז דיא ריכטיגסטע מעטהאָדע צו שאפען אינדיווידועלע פרייהייט !

„דער אטענטאט מאכט פראָפּאגאנדא", טענה'ן אנארכיסטישע פערטהיידיגער פון דיזער מעטהאָדע: עס האָט בעקאנט געמאכט דעם נאָמען פון אנארכיזמוס, מיינען דיא געגנאָסען. אָבער ערסטענס, איז פראָפּאגאנדא אליין דאָך ניט דיא „רעוואָלוציע", וועלכע זיי בעשטרעבען — דער אטענטאט, אַלזאָ, איז אין זייער זינען דאָך ניט מעהר וויא א מעטאָדע פון פראָפּאגאנדא פון רעוואָלוציע, ניט דיא רעוואָלוציע גופא. און צווייטענס, האָט עס געמאכט פראָפּאגאנדא ? דער נאָמען פון אנארכיזמוס איז בעקאנט געוואָרען אין דער גאנצער וועלט — אלס א לעהרע פון וואָס? אלס א לעהרע פון וואהנזינן און קרימינאַל טהאטען! דער נאָמען אנארכיסט איז געוואָרען א שימפּף־וואָרט ביי דיא גרעסטע טהיילען פון דיא בעפעלקערונג פון יעדער לאנד. אן אנארכיסט, סיידען ער איז פאָרזיכטיג צו בעהאלטען דעם פאקט, אז ער איז אזעלכער, האָט פערלאָרען יעדע מעגליכקייט צו בעאיינפלוסען דיא געדאנקען פון זיינע מיט־מענשען. שעהנע פראָפּאגאנדא פאר דיא אנארכיסטישע פרינציפּען מאכען אָט דיא „רעוואָלוציאָנערע" אטענטאטען !

עס איז פשוט א חילול השם, א פערשוועכונג פון נאמען רעוואָלוציע, אנצורופען אזא טאקטיק רעוואָלוציאָנער; און עס איז א מיסברויכונג פון ווערטער, צו בעצייכנען אזעלכע טהעטיגקייט מיט'ן נאמען מעטאָדע. אליין דער פאקט וואָס אונזערע רעוואָלוציאָנערע וואָרטפיהרער בענוגענען זיך אַלע מאָל לאחר המעשה מיט געבען בלויז „פסיכאָלאָגישע" ערקלעהרונגען פאר אזעלכע טהאטען, אָדער העכסטענס לוי־וואַרימע פערטהיידיגונגען, אָבער קיינמאָל ניט קיין דייטליכע רעקאָמענדאציעס, וויא עס וואָלט פאסען פאר רעוואָלוציאָנערע גענעראַלען, צו געהען אטאקירען אויף אלע פראָנטען — דער פאקט אליין רעדט מעהר וויא דיקע ביכער געגען דיא צוועקמעסיגקייט, ניצליכקייט און זאָגאר געגען דיא מעגליכקייט ערנסט צו בעטראכטען אזעלכע טהאטען אלס קאמפּפס־מיטלען פאר'ן אנארכיזמוס, אָדער איבערהויפּט אלס א מעטאָדע פון סאָציאַלע רעוואָלוציעס. מאכען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציע פער אטענטאטען — קען נאָך געבען א גרעסערער אונזינן וויא דאָס? ליידער זיינען

פאַראַן היץ־קעפּ גענוג, וועלכע וואָלטען זיך ניט אָבגעשראָקען אַפילו פאַר אַזאַ „טאַקטיק“ אויך ניט, כאָטשע דאָס וואָלט געמיינט „טאַבולאַ ראַזאַ“ צו מאַכען, צום וועניגסטען פון 50 פּראָצענט פון דיא בעפעלקערונג! און דיזע מענשען מיינען נאָך אַז זיי זיינען אַנאַרכיסטען; נאָך מעהר — דיא איינציגע, הייליגע, רעוואָלוציאָנערע, אַנאַרכיסטען!

וויא איבערצייגט מיר זאָלען ניט זיין, אַז דיא היינטיגע געזעלשאַפט איז דורך און דורך פערדאָרבען, און מוז מיט אַלע מיטלען איבערגעאַנדערסט ווערן, מוזען מיר אָבער איינזעהן, אַז דיא האָפנונג אויף אַ בעסערע צוקונפט קענען מיר דאָך ניט אָנלעגען אַנדערסוואו, וויא אויף דיא היינטיגע געזעלשאַפט גופא. דאָס הייסט, דיא סאַמע דורך־און־דורך פערדאָרבענע געזעלשאַפט מוז געזונד ווערן, ניט אָבגעמעקט ווערן פון דיא אָבערפלעכע פון דער ערד. מיר קענען ניט ווען אויסראָטען אַלעמען, וויא דער רבש"ע מיט זיין מבול, און לאָזען נור עטליכע אַנאַרכיסטישע פּאָר־פּאָלק, וועלכע זאָלען וויא נח ע"ה בעפעלקערן דיא וועלט מיט גאָלע אַנאַרכיסטען. אונזער בעוועגונג מוז בילדען און ענטוויקלען, ניט אַלעס פערניכטען. מיר זוכען צו רעפאָרמירען דיא געזעלשאַפט, אָבער אַלס אמת'ע רעוואָלוציאָנערען, שטעלען מיר זיך ניט אָב ביי דיא ערסטע בעסטע רעפאָרמע, וועלכע שטעלט צופריעדען דיא מאַיאָריטעט, נור מיר ארבייטען ווייטער, און בילדען און ענטוויקלען ביז וואַנען אונזער גאַנצער אידעאַל וועט מקוים ווערען. און עבען פאַר אַזעלכע ווייטגעהענדע רעוואָלוציעס זיינען דיא בעדינגונגען פון קאַמפף גאַנץ אַנדערע, וויא פאַר רעפאָרם־לאַטעס איינערזייטס, און וויא פאַר פּאָליטישע רעוואָלוציעס, אין ענגען זינן פון וואָרט, אַנדערזייטס.

דער קאַמפף פאַר פּאָליטישע פרייהייט, אין אַזאַ לאַנד וויא רוסלאַנד, (נאָך איינע צו איהר אין איירָאָפּא איז טערקיי) איז אַ קאַמפף געגען אַ פיינד, וועלכער בעשטעהט פון אַ קליין הייפעל טיראַנען,ביים רודער פון אַ דעספּאָטישער אָרגאַניזאַציע. דיא מעטאָדע פון קאַמפף איז דאָרט אַ דירעקטע; איין פראָנט נור איז דאָרט דאָ צו אַטאַקירען: דיא דעספּאָטישע הערשער־קליקע. דיזאָרגאַניזירען דיא באַנדע, אַרויפוואַרפען אויף איהר אַ טויט־שרעק, איז דער ריכטיגער אנפאַנג פון איהר סוף; דען ווען דיא דעספּאָטיע ווערט דיזאָרגאַניזירט, ווערט מעגליך פאַרן פּאָלק אַרויסצוטרעטען געגען איהר אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד, און מאַכען פון איהר

„תחת חרב“. דיא באַמבע וואָס האָט אוועקגעלייגט פּלעהווע׳ן, האָט איינגענומען פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע דיא ערסטע וואַנט פון דיא מורא׳דיגע פעסטונג פון דער דעספּאָטיע. געגען דיא זעלבסטהערשונג, וועלכע דערלאָזט ניט קיין פרידליכע פּראָגרעסיווע בעוועגונג, וועלכע דערלאָזט ניט קיין פרייען אויסדרוק פון מיי־נונגען, איז דער טעראָר דער איינציג מעגליכער מיטעל פון קאַמפּף — און אַ ווירקזאַמער מיטעל דערצו. אין רוסלאַנד איז דער אָרגאַ־ניזירטער, בערעכענטער און צייטמעסיגער טעראָר, דער וויכ־טיגסטער מיטעל, צום וויינינגסטען אין דיא ערסטע פּאַזען פון איהר רעוואָלוציע. דען אַזוי באַלד וויא דיא דעספּאָטיע וועט אָבגע־שאַפט ווערען, און דער קאַמפּף פאַר דיא „סאָציאַליזאַציע פון דער ערד“ וועט זיך אנפאַנגען אין ערנסט, וועט דיא באָמבע פערלירען איהר רעוואָלוציאָנערע וויכטיגקייט, און דיא פּלאַטפאָרמע פון דער דומאַ, מיט דיא באַריקאַדען פון גאַס, וועלען דאַן פערנעהמען איהר פּלאַץ. פאַר פּאָליטישע פרייהייט געגען טיראַן, איז דיא באָמבע דער איינציגער און בעסטער מיטעל אָנצופאַנגען דיא רעוואָלוציע; פאַר אייניגע, בעשטימטע סאָציאַלע פאָדערונגען, פאַר וועלכע דאָס פּאָלק איז שוין רייף געוואָרען — דיא פּלאַטפאָרמע און דיא באַ־ריקאַדע; פאַר דיא אַלגעמיינע סאָציאַלע רעוואָלוציע — דיא פּלאַט־פאָרמע און דיא פריעדליכע טהעטיגקייטען, וועלכע ענדערן דעם געזעלשאַפטליכען לעבען אין אַלע זיינע ערשיינונגען.

פאַר אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָדער ריכטיגער צו זאָגען, פאַר אַ סאָציאַליסטישע, (ד. ה. אַלס אַ שם הכולל וואָס שליסט אויך איין דעם אנאַרכיזמוס), מיט איין וואָרט: פאַר אַן איבערבויאונג פון אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, און בפרט פאַר אַן איבערבויאונג אויפן יסוד פון דיא אַנאַרכיסטישע פּרינציפּען — איז ניט נור דער קאָנספּיראַטיווער טעראָר, נור אַפילו דיא אָפענע באַריקאַדען־שלאַכט, איינער פון דיא לעצטע מיטלען אין קאַמפּף. דאָס פּאָלק מוז זיין רייף - איבערררייף אָנצונעהמען דיא ענדערונג וואָס אַ בלוטיגער קאַמפּף קען איהם געבען, זאָנסט וועט ער זיך ניט אויפהויבען אין זיין גרויסער מאכט — און דאָס פּאָלק קען זיך קיין מאָל ניט אויפהויבען צו ענדערן אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס אויף אַמאָל, ווייל ער קען קיינמאָל ניט זיין רייף פאַר אַלעם מיט אַמאָל. דער גוואַלטיגער פּאָלקס אויפשטאַנד איז אימער דער לעצטער אַקט פון דער רעוואָלוציאָנעדער דראַמאַ: דיא „דראַמאַטי־שע ענטוויקלונג“ פאַרנעהמט דיא לענגסטע און דיא וויכטיגסטע

אקטען. און וואס מעהר ענטוויקלונג, אלץ וועניגער פולווער — אלץ מעהר בעגרענצט ווערט דער צאהל פון פייער, וועמען מען קען ניט אבשאפען אהן א בלוטיגען קאמפף.

ווער איז היינט דער פיינד פון אנארכיסטישען אידעאל? כמעט אלע אונזערע מיטבירגער! אויב אז יא קעמפפען מיט טעררארים־טישע מיטלען, מוזען מיר קעמפפען געגען דיא גאנצע היינטיגע געזעלשאפט, וועלכע בעגרייפט ניט דיא איצטיגע פעהלערן, וועלכע אבער קען און וועט זיך ענטוויקלען, ווען דיא מענשען וועלען איינזעהען (אי דורך מאטעריאליסטישע, אי דורך אידעאלאגישע סבות) דיא מעלות פון אונזערע אידעען. קענען מיר דען מלחמה האלטען מיט געוואלט, מיט געוועהר אין דיא הענד, געגען געזעלשאפטליכע בינונים, און געגען דעם רוב מענשען, וועלכע זיינען איינגעגלויבט, אז אהן דיא דאזיגע בינונים קען מען ניט אויסקומען? וועמען זאלען מיר אטאקירען? די „קאפיטענער פון אינדוסטריע", די מאכטהאבער? — ווער קען זיי איבערצעהלען? וואקסען זיי ניט ארויס טאג־טעגליך נייע פון דיא גרויסע מאסע, וועלכע הייסט די מיטעל־קלאסע? און קנאפ מאכט־זוכער, אויב ניט מאכט־האבער, קען מען געפינען אין דיא „היילינע" ארבייטער קלאסע גופא? וואלטען אונזערע „רעוואלוציאנערען", וועלכע רעדען תמיד אים נאמען פון דער ארבייטער קלאסע, כאטש געזעהען, אז זי אליין זאל לכל הפחות פערשטעהען און איינשטימען מיט זייערע אידעאלען, איידער זיי געהען איבערקעהרען א וועלט!

א סאציאלע רעוואלוציע איז ניט איין רעוואלוציע: זיא איז הונדערטע רעוואלוציעס, אויף הונדערטע פעלדער פון דיא געזעלשאפטליכע טהעטיגקייטען. הונדערטע פראנטען זיינען דא צו אטאקירען—דיא קאפיטאליסטישע הערשער ניט וועניגער און ניט מעהרער, ווי דיא אונוויסענהייט פון דיא מאסען; ובתוכם טאקי אטאקירען דיא אייגענע פערדארבענהייטען גופא... די „באמבען־געגאסען" וויזען אלץ אן אויף רוסלאנד: „אט זעהט, טענה'ן זיי, ווי טעראר קען ארויסרופען א רעוואלוציע! שטיל און פינסטער איז געווען אין רוסלאנד, ביז איין אטענטאט נאך דעם אנדערן האט אויפגעמונטערט דעם פאלק, און אלעס קאכט איצט דארטען וויא אין א קעסעל!" און זיי ווארפען דארט באמבעס, היינטיגען טאג, ווען דיא רעאקציע בושעוועט מיט די לעצטע כוחות און עס איז נאך קיין סימן ניטא פון די עלעמענטארסטע פרייהייט, כדי איינצופיהרען די פרייהייט פון אנארכיסטישען אידעאל! און זיי לערנען א קל־וחומר, אז וויבאלד

עס האט דארטען ארויסגערופען א רעוואלוציע, טא פאר וואס זאל דיעזעלבע מעטהאדע ניט ארויסרופען אן אנארכיסטישע רעוואלוציע אין אלע לענדער ? — אזוי וויא דיא באמבע וואלט געמאכט דעם פאלק רעוואלוציאנער ! אזוי וויא רוסלאנד האט ניט געשמאכטעט נאך דיא עלעמענטארע פרייהייט איידער פלעהווע איז גע'הרג'עט גע־ווארען ! אלע קלאסען און שיכטען פון דעם רוסישען פאלק און פעל־קערשאפטען זיינען דארט איניג, צום ווענינגסטען אין פונקט פון פאליטישע פרייהייט. די ארבייטער ווי די בויערן, די קליין ווי דיא גרויס בורזשואזיע, דיא פראפעסיאנעלע ווי דיא לאנד־בעזיצער, וועי־לען אלע איין זאך — פרייהייט. אויך די פאדערונג פאר די סאצי־אליזאציע פון דער ערד איז דארט א פראגע פון טוידט און לעבען פאר דיא גרעסטע מאיאריטעט פון דיא בעפעלקערונג; און לויט דיא דארטיגע אומשטענדען, מוז אזא שארף אויסגעשפראכענער פונקט ארויסרופען א קאמפף, און מוז געווינען. אין רוסלאנד, אלזא, קעמפ־פען אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט פאר איין בעשטימטע זאך, און דיא גרעסטע מאיאריטעט פון פאלק פאר נאך איין בעשטימטע זאך — וועהרענד אונזער הייפעל רעוואלוציאנערען רעדען פון קעמפפען פאר הונדערטער זאכען מיט א מאל, אויף הונדערטער בע־זונדערע פעלדער, דורך א פערניכטענדע טאקטיק, געגען אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט, אהן דיא מיטווירקונג אפילו פון פראלעטאריאט : איינזאם און אליין געגען אלעמען !

אן אונמעגליכע ארבייט און א פאלשע מעטהאדע, גענאסען רעוואלוציאנערען ! אלס א מעטהאדע פון דיא סאציאלע רעוואלו־ציע איז דער טעררא אן אונזינן ; אלס א מעטהאדע פון פראפא־גאנדא, אין לענדער וואו פרייע פרעסע איז מעהר אדער ווענינער געזיכערט, איז עס פשוט א פערברעכען. קיין סאציאלע רעוואלו־ציע קען מען דורך אטענטאטען ניט מאכען, קיין פראפאגאנדא טאר מען מיט אזעלכע מיטלען ניט מאכען, איינפאך פון א מארא־לען גרונד, א חוץ דעם וואס פראקטיש שאדעט עס א סך מעהר וויפיעל עס ברייננט נוצען. אונטער געוויסע אומשטענדען קען אמאל אן אטענטאט אויף א בעוואוסטען טיראן האבען אן אפענעם זינן, אפילו אין דיא זאגענאנטע פרייע לענדער אויך ; ספעציעל ווען עס טראגט דעם כאראקטער פון ראכע פאר א געוויסע פער־גוואלטיגונג פון דיא מענשליכע רעכטע, אין בעקאנטע פעלע. אבער אויך דאן מוז מען זיך רעכענען מיט דיא ווירקונג וואס אזא טהאט

וועט האָבען אויף דיא עפענטליכע מיינונג, אויב עס וועט ניט שא־
דען אונזער בעוועגונג. דען אויב דער צוועק איז אַזוי טהייער, אַז
ער קען בערעכטיגען אַזעלכע מיטלען, דאַרף ער אויך זיין אזוי
טהייער, אַז צוליעב איהם זאָל מען זיך קענען אבהאלטען פון
אַזעלכע מיטלען.

---

March 1908 AUG 1 1954

3.

## דיא ארבייטער בעוועגונג און דער גענעראל סטרייק.

אין פריעדליכע צייטען — צווישען דיא אקטען, זא צו זאגען — גיבען מיר זיך אב, אדער מיינען זיך אבצוגעבען, מיט דיא ארבייטער בעוועגונג אין דיא טרייד־יוניאנס, און ספעציעל מיט דיא אידעע פון א גענעראל סטרייק. אונזערע צייטונגען זיינען ארבייטער־צייטונגען, וועלכע בעשעפטיגען זיך דאס רוב מיט דיא בעציהונגען פון ארבייטער און באסעס. אונזער פראפאגאנדא ציעלט צו גרייכען וואס מעהר דיא ארבייטער־מאסען, און קען זיך קיינמאל ניט רעכטפערטיגען גענוג פאר דיא כראנישע „גראמבלער", וועלכע זעהען זאגאר אין א „וויסענשאפטליכער" רעדע א שטיק אריסטאקראטיזם, וויבאלד זי איז ניט דורכגעזאפט מיט שוויים־פראזען פון בערויבטען „ארבייטארער". דיא יוניאנס זיינען אן אייביגע טהעמא פאר ליארם מאכען און אנדערע טהעטיגקייט. עס ווערט שטענדיג געפויקט און געטרומייטערט וועגען שטארק ארגאניזירטע יוניאנס, וועגען סטרייק, וועגען א לעבעדיגע בעוועגונג. מיר, ניט וועניגער וויא אנדערע סאציאליסטישע פארטייען, דערמאנען זיך מיט א זיפץ אן דיא אמאליגע טרייד־יוניאן בעוועגונג, און זינגען דעם „זכרנו את הדגה" פון דיא „אלטע גוטע צייטען" ניט אהן א פייכטקייט אין דיא אויגען. —

דיא בעוועגונג פון דיא ארבייטער קלאסע איז פאר אונז תמיד דיא קאנווע אויף וועלכע מיר מאלען דיא צוקונפט, צייכענענדיג דיא שטריכען פון אונזערע האפנונגען מיט'ן פענזיל פון סטרייק און אויפשטאנד. אונזער שטענדיגער געשריי איז פאר א קאמפפסלוסטיגע יוניאן־בעוועגונג. שטארקע יוניאנס ווילען מיר, דיא באסעס זאלען ציטערן פאר זיי. און ווען א יוניאן ווערט שטארק, און דיא ארבייטער הויבען אן הנאה צו האבען פון דיא פארגרעסערטע שכירות, און ווערן אויפגעלעגט צו געניסען בשלום דיא פרוכט פון זייער קאמפף, דאן דערשפירען מיר וויא זייער „רעוואלוציאנערע שטימונג" ווערט אבגעשוואכט, און — מיר הויבען אן צו בורענען פאר נייע יוניאנס. צו איין צייט האלטען מיר שטארק פון דער סברה, אז „וואס ערגער איז בעסער": קלענערע שכירות, גרעסערע צרות — אלץ גיכער דיא רעוואלוציע. ווען אבגעלאזטקייט אין דיא טריידס דעמאראליזירט דיא ארבייטער מאסען, און דיא בעוועגונג איז „צום טייפעל", שטייגט ארויף דיא פארקעהרטע סברא, אז „וואס בעסער איז בעסער". דיא ארבייטער דארפען

געוואָהנט ווערען צו לעבען מענשליך, וועלען זיי גיכער קעמפּפען פאַר נאָך בעסערעס, ביז זיי וועלען אויסקעמפּפען דאָס בעסטע — שטאַאט־פּראָדוקציאָן שטעלען זיך פאָר דיא סאָציאַלדעמאָקראַטען, דעם פרייען קאָמוניזמוס שטעלען זיך פאָר דיא אנארכיסטען.

מיר, און אַזוי אויך דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען, ווילען געברויכען דיא אַרבייטער בעוועגונג פאַר אַנדערע צוועקען, העכערע וויא דיא איינפאַכע חיי־שעה־צוועקען פון אַ גראָשען מעהר שכירות. יענע זוכען אין דיא יוניאָנס וואָוטס און מאַכט פאַר זייער פּאַרטיי; מיר בעטראַכטען זיי אַלס רעוואָלוציאָנערע שולען, וועלכע זאָלען ליפערן גוטע סאָלדאַטען אין דיא מאָרגענדיגע מלחמה. אָבער אַז זיי, אַז מיר זיינען בשתיקה מודה, אַז דיא טרייד אָרגאַניזאַציעס אין עצם אַליין, האָבען ניט קיין רעוואָלוציאָנערע טענדענץ. דיא יוניאָניזירונג פון אַ טרייד ענדערט אין קיין פאַל ניט דעם עצם שייכות פון קאַפּיטאַל און אַרבייט. אדרבא, זייערע שייכות ווערען נאָך מעהר בעפעסטיגט, וואָס מעהר הנחות דיא שטאַרקע יוניאָן פּרעסט אַרויס פון דיא באָסעס. וואָס בעסער עס לעבט זיך דעם אַרבייטער, אַלץ מעהר איז ער גענייגט צו האַנדלען נאָכ'ן פּרינציפּ „לעב און לאָז לעבען" מיט זיין באָס, וועלכער פערזאַמט טאַקי ניט צו לאָזען זיך גוט געהן אויפ'ן רעכנונג פון פּובליקום. אין דיא טריידס וואו דיא אַרבייטער האָבען זיך ערוואָרבען אַ לוין פון פיער, פינף דאָלאַר אַ טאָג, זיינען דיא באָסעס ח"ו ניט פּאַראָרימט געוואָרען; זיי זיינען ניט געצוואונגען אָבצורייסען פון זיך (צו עס שטימט, צו עס שטימט ניט מיט דיא סאָציאַליסטישע עקאָנאָמישע טעאָריען), כדי צו בעפרידיגען דיא פאָדערונגען פון דיא אַרבייטער. ווען אַלזאָ דיא אַרבייטער, אין דיא יוניאָנס און דורך דיא יוניאָנס, זאָלען שוין געווינען אַלעס וואָס זיי ערוואַרטען, וועט דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָפיט־סיסטעם ניט אָנגערירט ווערען אין דאָס מינדעסטע, און קיין געזעלשאַפטליכע רעוואָלוציע וועט דורך זייער יוניאָן־פּרינציפּ ניט נעהענטער געבראַכט ווערען אויף אַ האָאר. דער ציעל פון יוניאָן איז ניט ווען עס איז איבער־צונעהמען דיא פּראָדוקציאָן פון דעם טרייד, וויא עס איז דער ציעל פון דעם פּראָדוקטיווען קאָאָפּעראַטיוו־פעראיין. דער יוניאָן מאַן צושטערט ניט און בויט ניט; ער זוכט נור אויפצוהאַלטען דיא לאַגע וויא זיא איז, אויב זיא איז ניט שלעכט — קען ער כאַפּען אַ פּאָאר גראָשען מעהר, איז מה טוב.

ווען עס קומט אָבער צו מאַכען דעם געברויך פון דיא יוניאָנס

פאַר וועלכע מיר האָבען געאַרבייט, דאַן געפינען מיר, אַז רעדען
רעוואָלוציע צו אַרבייטער וועלכע פערדיענען פיער־פינף דאָלאַר
אַ טאָג, איז אַן אַרבייט פון „אמרו לאלהים" — רעדט צו דער
וואַנט; בעת פאַרקעהרט, ווען זיי זיינען אויף צרות, זיינען זיי
פאַרטאָן נעבאַך אין מאַכען אַ לעבען, און קענען זיך ניט אָבגעבען
מיט אונבעשטימטע רעוואָלוציעס פון דער צוקונפט. אין אַ צייט
פון קאַמפף פאַר וועלכען עס איז יוניאָן פרינציפּ, קען אַ רעוואָלו־
ציאָנערע פראַזע נאָך ארויסרופען אַ שטיקעל ענטהוזיאַזמוס: קוים
אָבער איז דער רויך פון מלחמה אַוועק, וויל מען מעהר פון אייך
ניט הערען און ניט וויסען. אַ בעסערען ערפאָלג האָבען דערפאַר
דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען. מיט רעוואָלוציעס דרעהען זיי דעם
אַרבייטער קיינמאָל ניט אַ קאָפּ, זיי ווילען נור ער זאָל זיין „קלאַסען־
בעוואוסט". ווען עס געהט איהם גוט אין זיין טרייד, רעדען זיי צו
איהם פּאָליטיקע; געהט עס שלעכט — העלפען זיי איהם אָרגאַ־
ניזירען זיך צו פערבעסערען זיין לאַגע אין דער געגענוואַרט, כדי
ווידער אַמאָל, און טאַקי בעת מעשה אויך, צו קענען צו איהם רע־
דען קלאַסען־בעוואוסטע פּאָליטיקע.

און מען מוז צוגעבען, אַז דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען
לאָגיש אין זייער אַרבייט, צי גערעכט, צי ניט גערעכט אין זייער
עקאָנאָמישע פילאָזאָפיע. דיא געשיכטע דער מענשהייט איז ביי
זיי דיא געשיכטע פון עקאָנאָמישע קלאַסען־קעמפּפע. (דער פּסוק
שווייגט אפילו אַביסעל צו מכח דעם עקאָנאָמישען פּאַקטאָר אין
אַלטערטהום; פון דעם אונטערגאַנג פון פּרימיטיווען קאָמוניזמוס,
ביז דעם אויפגאַנג פון דער בורזשואַזיע אין ענדע פון מיטעלאַלטער,
זעהט עפּעס אפילו דיא געשיכטע ביי זיי אויס וויא אַ מדבר — נור
עס מאַכט ניט...) דיא „אמת'ע" געשיכטע פאַנגט זיך ביי זיי אָן
מיט דעם פּעאָדאַלען סיסטעם, אין וועלכען דיא עקאָנאָמישע קרעפּ־
טען האָבען אויסגעאַרבייט אַ בירגער קלאַסע; און דיא קלאַסע האָט
געהאַט דיא „היסטאָרישע מיסיאָן" איינצופיהרען דעם קאַפּיטאַליזם.
דיא בורזשואַזיע האָט רעוואָלוציאָנער געקעמפּפט געגען דעם פּעאָ־
דאַליזמוס און האָט איהם בייגעקומען. אָבער זיא, פון איהר צד,
האָט נויטווענדיגער ווייזע געמוזט אַרויסרופען איהר אייגענעם
מלאך־המות — דיא אַרבייטער קלאַסע. דער גאַנג פון דער עקאָנאָ־
מיע, וועלכער זיצט אויבען און קאָמאַנדעוועט אונטען, האָט מזכה
געווען דיא אַרבייטער קלאַסע מיט דיא נייע מיסיאָן, איבערצונעה־
מען דיא מלוכה פון דער בורזשואַזיע און איבערגעבען דאָס צו די קו־

מענדע דורות, אין דיא פארמע פון א אינדוסטריעלע דעמאקראטיע. ווען דער קאפיטאליזם וועט שוין האבען אבגעטהאן זיין ארבייט פון עקאנאמישע קאנצענטראציע, וועט דער פאליטיש ארגאניזירטער פראלעטאריאט זיין שטארק גענוג צו קענען פערמעסטען זיך אנטקעגען איהם — ענטוועדער מיט א מאיאריטעט אין פארלאמענט אליין, אדער אויך מיט כח און רעוואלוציאנערע גבורה אויפ'ן גאס. מיט דעם נצחון פון פראלעטאריאט וועלען פערשווינדען דיא קלאסען און דער קלאסען־קאמפף, און דיא מענשליכע געשיכטע וועט הפנים, פון דאן אן און ווייטער זיין דיא געשיכטע — פון קעמפפע צווישען סאציאל־דעמאקראטען און אנארכיסטען...

דאס איז, אין גראבע שטריכען, דיא פילאזאפיע פון עקאנאמישען מאטעריאליזם; און דערפון קען מען זעהען, אז אהן דיא ארבייטער קלאסע איז דיא סאציאל־דעמאקראטיע ממש וויא א פיש אהן וואסער. אהן דעם פראלעטאריאט איז ניטא ווער עס זאל טראגען דיא „היסטארישע מיסיאן“ און מאכען דיא סאציאלע רעוואלוציע. אין רוסלאנד, למשל, טענה'ן זיי, אז דיא 90 מיליאן פויערים מוזען אפריהער „פראלעטאריזירט“ ווערען, איידער מען וועט קענען האפען צו פיהרען א סאציאלען קאמפף מיט דער בורזשואזיע, וועלכע דארף דארטען ערסט געבארען ווערען. (א געוויסע חברה נאציאנאל־אידישע סאציאל־דעמאקראטען בענוגענען זיך נאך ניט מיט סתם א פראלעטאריאט, ער מוז אויסוואקסען, זאגען זיי, אויף א ספעציעלען באדען. זיי געפינען, אז פראלעטאריער זיינען ב"ה ביי אונז אידען דא גענוג, און אין קאפיטאליסטען איז טאקי אויך קיין דוחק ניטא; אבער דיא גאולה וועט אלץ ניט קומען, ביז וואנען מיר וועלען ניט האבען אן אייגענע לאנד, וואו דיא „קאפיטאליזאציע און פראלעטאריזאציע“ וועט אנגעהן כדין וכדת מארקסיזם. ערסט דאן וועט דער קלאסענקאמפף זיך קענען ביי אונז פונאנדער שפיעלען, גאר וויא ביי זיי ביניהם אין דייטשלאנד...)

סאציאל־דעמאקראטען לעבען און עקזיסטירען דורכאויס בזכות פראלעטאריאט און ארבייטער קלאסע. זייער אגיטאציע און פראפאגאנדא קען נור אנגעהן צווישען ארבייטער: זיי זיינען גארנישט אויב ניט קיין ארבייטער פארטיי. אבער מיר, אנארכיסטען, פארוואס זאלען מיר אזוי הענגען אויפ'ן האלז פון דער ארבייטער בעוועגונג? האבען מיר ניט קיין אנדער „רעזאן ד'עטר“, קיין אנדער זכות צו עקזיסטירען, א חוץ אלס ארבייטער פארטיי?

קענען מיר זיך ניט געפינען גענוג ארבייט אין דער אלגעמיין מענשליכער בעוועגונג? גלויבען מיר דען אויך, אז מיט דער לייזונג פון דיא „ארבייטער פראגע“ וועלען שוין געלייזט ווערען אלע אנדערע מענשליכע פראגען, און דער פראגרעס וועט אוועקגעהן וויא געשמירט אויפ׳ן גלאטען שאסע פון דער ווייטער, ווייטער צוקונפט? דיא געשיכטע דער מענשהייט הויבט זיך ביי אונז ניט אן מיט׳ן פעאדאליזמוס, און וועט זיך ניט ענדיגען מיט׳ן סאציאל־ביוראקראטיזמוס. זיא איז ביי אונז ניט פערשריבען אין עקאנאמישע קלאסען־קעמפפע, נור אין מענשליכע ארבייט, אין מענשליכע בעשטרעבונגען, אין מענשליכע קעמפפע: ראסען, נאציאנען און גרופען־קעמפפע; פראגרעסיווע און קאנסערוואטיווע, הערשזיכטיגע און פרייהייטליכע, יחיד און רבים קעמפפע. דעם קאפיטאליזמוס איז, נאך אונזער מיינונג, ניט אנגעשריעבען געווארען פון אויבען צו בעגליקען דיא מענשהייט מיט א רעזשים פון קאנצענטראציע; נור פארקעהרט, מיר געפינען אונזער אויפגאבע אין קעמפפען געגען דעם. מיר גלויבען ניט, אז אירגענד וועלכע סבה עליונה האט אנגעטרויט דיא ארבייטער קלאסע מיט דיא אויפגאבע פון „פערענדיגען“ דיא מענשליכע געשיכטע; און מיר האבען קיין אורזאכע ניט צו מאכען פון איהר אן „אתה בחרתנו“ פארטיי, און איבערגעבען צו איהר אליין דיא פערוואלטונג פון אלע געזעלשאפטליכע פונקציאנען. מיר קענען זיך ניט פערלאזען אויף איהר אליין אויסצוקעמפפען א בעסערע צוקונפט פאר דער געזעלשאפט. מיט איהר אליין קענען מיר ניט געהן אויף מלחמה געגען דיא פערשיעדענע שונאים פון פראגרעס: מיט דיא מאכט פון איהרע קלאסען־אינטערעסען אליין קענען מיר ניט זיעגען אין גרויסען קאמפף פון דער צוקונפט.

לויט דיא לאגיקע פון אונזערע טהעאריען, וואלטען מיר גאר ניט געוואוסט וואס צו טהאן מיט א קלאסען־זיעג, ווען מיר וואלטען אפילו אזא זיעג קענען פועל זיין. דען עס ליעגט ניט אין אונזער אידעאל צו צווינגען דעם בעזיעגטען. ווען על פי נס וואלט דיא ארבייטער קלאסע, אין איין שעהנעם פריהמארגען, איינגעוויליגט דורכצופיהרען דעם גענעראל סטרייק אין אלע צווייגען פון דער אינדוסטריע; און לאמיר זיך משער זיין, אז מיר, דיא ארבייטער קלאסע, האבען געוואונען א פאלשטענדיגען זיעג — אין וואס וועט דער זיעג בעשטעהן? מיר וועלען האבען ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג, אז דער שטאאט איז אבגעשאפט — מיט וואס

אָבער וועט אונזער ערקלעהרונג הינדערן דיא וואָס גלויבען יא אין שטאַאַט, למשל, דיא עטליכע מיליאָן סאָציאַל־דעמאָקראַטען אַליין, ניט צו אָרגאַניזירען וואָס פאַר א שטאַאַט זיי ווילען, און ארויסגעבען אַלערליי דעקרעטען וויא זיי פערשטעהען? לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז מיר האָבען אָבגעסטרייקט א וואָך צייט, און דיא רעדער פון דער געזעלשאַפטליכער אינדוסטריע שטעהען טוידט־שטיל — וועלען דיא קאַפּיטאַליסטען קומען און פאַלען צו דיא פיס פון אונזער רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט, פערציהען זיך אַליין דיא פעטלעס ארום זייערע העלזער און בעטען ביי איהם רחמים ער זאָל צוהאַלטען איין ברעג? אָדער זיי וועלען גיכער בעוואָרענען זיך מיט א מאַכט צו היטען זייער אייגענטהום? — מיר וועלען ארויסגעבען אַן ערקלעהרונג, אַז אַלעס געהערט צו אַלעמען, און מיר וועלען זיך נעהמען בעזאָרגען דעם עולם מיט עסען און קליידונג, מיט איין וואָרט: מיר וועלען אָנפאַנגען דיא גרויסע עקספּראָפּריאַציע — אָבער וויא וועלען מיר זיך פערזיכערען, אַז דער אַלטער שטאַאַט זאָל ביים ערסטען שריט אונז ניט מאַכען תחת חרב? אָדער אַז דער נייער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שטאַאַט זאָל מיט'ן ביקס אין דער האַנד און אין נאָמען פון דער סאַמע רעוואָלוציע ניט אנקלאָגען אונז אַלס מורדים במלכות פאָלקס־רעגיערונג? וועלען מיר אָרגאַניזירען אַן אַרמעע, און מיט איהר מאַכט פון באָמבע און קאַנאָנע, צווינגען אַלע פאַרטייען און אַלע געזעלשאַפטליכע גרופּען צו לעבען פריי, אָהן הערשער, ריין אַנאַרכיסטיש?

דער זיעג פון א קלאַסע האָט אַ זינען, ווען זיא פערכאַפּט דיא געזעלשאַפטליכע מאַכט, דעם שטאַאַט, און צווינגט מיט איהר איבערמאַכט אַלע אַנדערע קלאַסען צו פאָלגען איהרע געזעצע. דער אַנאַרכיזמוס אָבער, וועלכער וויל ניט און קען ניט וועלען מיט געוואַלד אַריינזעצען וועמען עס איז אפילו אין גן־עדן, קען ניט בויען זיינע רעוואָלוציאָנערע פּלענער אויף דיא מאַכט פון וועלכער עס איז איינציגע קלאַסע, אָדער אפילו אויף דיא מאַכט פון דער מאַיאָריטעט. הייגט וויבאַלד מיר וועלען מיט דיא אַרבייטער קלאַסע אַליין, וויא גרויס און שטאַרק זיא זאָל ניט זיין, קיין אַנאַרכיסטישע רעוואָלוציעס ניט קענען מאַכען, טאָ פאַר וואָס זאָלען מיר שטעמפּלען אונזע גאַנצע בעוועגונג מיט דעם כאַראַקטער פון אַן אַרבייטער בעוועגונג? פאַר וואָס זאָלען מיר אויסלאָזען דיא גרויסע מיטעל־קלאַסע, מיט איהרע טויזענדערליי געזעלשאַפטליכע לעבענספּראַגען, און אַלערליי גייסטיגע פּראָבלעמען, אויף וועלכע דער אַנאַרכיזמוס

קען העלפען געבען אַן ענטפער? פאַר וואָס זאָלען מיר בעגרענצען אונזער אינטערעסע אין דיא אַרבייטער נור אַלס אַרבייטער, אַלס יוניאָן־לייט, אַלס קעמפפער פאַר העכערע שכירות, און ניט אינטערעסירען זיך מיט זיי הויפטזעכליך אַלס מענשען און מיטגליעדער פון אַ געזעלשאַפט, וועלכע דער אַנאַרכיזמוס האָפט צו העלפען ענטוויקלען צו אַ העכערע מדרגה? פאַרוואָס זאָלען מיר ניט זוכען צו פערשפּרייטען אונזערע אידעען פון דעצענטראַליזאַציע און לאָקאַלע אויטאָנאָמיע, צווישען דיא פאַרמערס, וועלכע זיינען גיכער מסוגל אָנצונעהמען דעם געדאַנק פון אַ פרייען נאַטור לעבען, וויא דיא שטאָדטישע בעפעלקערונג? דיא מעהרווערטה טהעאָריע איז פאַר זיי אַ פערזיגעלטעס בוך, דיא היסטאָרישע ראָליע פון פּראָלעטאַריאַט קען זיי אין פּאַה ניט קריכען — אָבער דערפאַר קענען זיי גאַנץ גוט בעגרייפען דעם פּרינציפּ, אַז „דיא ערד געהערט צו דעם וואָס אַרבייט אויף איהר“. דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען ווייסען ניט וואָס צו טהאָן מיט זיי; זייער קליגסטער איינפאַל איז אויסצוקאָכען אַלע פאַרמערס אין אַ גרויסען פּראָלעטאַריער־קעסעל, צונעהמען ביי זיי דיא ערד, און לאָזען זיי קעמפפען פאַר אַ נאַציאָנאַלען שטאַאַט, וועלכער וועט זיי מאַכען פאַר באַנאַנצאַ־פאַרם הענד, צו אַרבייטען טאַקי ביי איהם אַליין, דעם איינציגען אַרבייט־געבער, דעם שטאַאַט! אַ פערשטענדיגע טאַקטיק פון אונזער זייט וואָלט זיי געקענט געווינען פאַר'ן אַנאַרכיזמוס מאַסענווייז. זיי וואָלטען אונז געקענט גיכער פערשטעהן וויא דיא שטאָדטישע אַרבייטער. דער „לייבאָר עקסטשיינדז“ און קאָאָפּעראַטיווער „מיוטואַליזם“ וואָלט געקענט ביי זיי פּועל זיין אַ גרעסערע רעוואָלוציע, וויא דער גענעראַל סטרייק אין דיא אינדוסטריעלע צענטערס.

דער אַנאַרכיזמוס וועלכער שטעהט ניט אויפ'ן באָדען פון עקאָנאָמישען קלאַסען קאַמפף — איך רייד דאָ ניט צו יענע אַנאַרכיסטען, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט בעפרייט פון מאַרקסיזמוס — דער אַנאַרכיזמוס קען ניט אַנפיהרען קיין קלאַסען־אַגיטאַציע און קען ניט מאַכען קיין קלאַסען־רעוואָלוציע, אַזוי גוט וויא ער קען ניט בעצוועקען קיין קלאַסען־הערשאַפט. דיא אַרבייטער קלאַסע בעטראַכט דער אַנאַרכיסט אַלס אַ געזעלשאַפטליכע קלאַסע, וועלכע לאָזט זיך בערויבען דורך דעם קאַפּיטאַליסטישען שטאַאַט פון דיא נויטהיגע געלעגענהייטען צו קענען מאַכען אַ זעלבסטשטענדיגען לעבען. דעם אַנאַרכיסט'ס אידעאַל איז — אַ צושטאַנד וואו דיא געלעגענהייטען זיינען גלייך פאַר אַלעמען, וואו קיינער איז ניט געצוואונגען צו

פערקויפען זיין קראפט צו אנ׳אנדערן, וועלכער מאכט פון איהם פראפיט. דיא פראלעטאריער, ד. ה. דיא וועלכע בעזיצען ניט דיא געלעגענהייטען צו פראפיטירען אין גאנצען פון זייערע אייגענע ארבייט, וועלכע ליידען פון דיא אונגערעכטע פריווילעגיעס וואס דער שטאאט גיט דעם קאפיטאליסט, זיינען גיכער איידער אנדערע געזעלשאפטליכע גרופען פערטיג אנצופיהרען קליינע קעמפפע פאר זייער טעגליכען ברויט. ווען זיי ווערען אויפגעקלערט (גאר ניט דוקא קלאסען־בעוואוסט) און הויבען אן איינצוזעהן דעם מקור פון זייערע צרות, דאן ערוועקט זיך ביי יעדען איינעם פון זיי דער מענש, וועלכער צוזאמען מיט אנדערע מענשען, איז גרייט צו מאכען רעוואלוציעס אין געזעלשאפטליכען לעבען. צו וועקען דעם מענשען אין ארבייטער וויא אין דעם אינטעליגענט, אין ארימען געשעפטס־מאן וויא אין פארמער — איז דיא אויפגאבע פון דער אנארכיסטישער פראפאגאנדא.

דיא ארבייטער בעוועגונג אין דעם זינן פון א בעוועגונג צווישען ארבייטער, איז דעם אנארכיסט ניט ווייניגער טהייער, וויא אירגענד אנ׳אנדערן סאציאלען רעוואלוציאנער. דער אנארכיסט אבער קען זיא ניט בעטראכטען פאר א קלאסען־בעוועגונג, וועלכע זוכט איבערצונעהמען דיא פיהרונג פון דיא גאנצע געזעלשאפט, וועלכע איז „היסטאריש בעשטימט געווארען צו ערפילען דיא מיסיאן פון איבערבויאונג", און וועלכע וועט צווינגען אלע אנדערע געזעלשאפטליכע גרופען אנצונעהמען איהר דיקטאטור.*) דיא רעוואלוציע וואס דער אנארכיזמוס פרעדיגט איז ניט אויסשליסליך איהר רעוואלוציע: דיא ארבייטער קלאסע אליין קען אזא רעוואלוציע ניט מאכען, און דער פאסיווער גענעראל סטרייק איז נאך ניט אפילו דיא רעוואלוציע וואס זיא קען יא מאכען.

ווען מיר זאלען פערשטעהן אונטער דיא אגיטאציע פאר א גענעראל סטרייק אן אגיטאציע פאר אייניגקייט אין דיא גרויסע ארבייטער מאסען, דאן איז ניטא וואס צו רעדען, אז אזא אייניגקייט קען נור ברייגנען נוצען, און קען לייכט געווינען געוויסע בעשטימטע פאדערונגען, וועלכע דיא ענטוויקלונג רופט ארויס אין לעבען. יעדע אגיטאציע שטרעבט צו ערריכען אזא צושטאנד, דען אהן איי־

---

*) די דיקטאטור פון פראלעטאריאט — באבעף, קארל מארקס און יאהאן מאסט.

ניגקייט צווישען גרויסע טהיילען פון דער געזעלשאַפט, קען ניט פאָרקומען קיין רעוואָלוציאָנערע ענדערונג. — ווען אָבער מיר זאָלען בעטראַכטען דעם גענעראַל סטרייק אַלס אַ מעטהאָדע גלייך צו געהן און מאַכען דיא סאָציאַלע רעוואָלוציע, דאַן מוזען מיר אָבגעבען רעכט דיא סאָציאַלדעמאָקראַטען, וועלכע בעווייזען גאַנץ לאָגיש, אַז אַפילו פאַר אַ רעוואָלוציע אין זייער זינן, איז דער גענעראַל־סטרייק היינטיגען טאָג ניט קיין פּראַקטישער מיטעל. זיי בעווייזען, אַז אַ סטרייק איז נור מעכטיג דערמיט, וואָס ער ריהרט אָן דיא האַרץ פון קאַפּיטאַל, זיינע פּראָפיטען. ווען דער סטרייק איז אָן אַלגעמיינער, ד. ה. אַזוי שטאַרק, אַז מען קען איהם ניט ברעכען, מוז קאַפּיטאַל נאָכגעבען אַלעס מעגליכע, אַבי צו קענען ווייטער עקזיסטירען. דיא אַרבייטער, הייסט עס, קענען דורך אַזאַ סטרייק געווינען אַלעס וואָס דיא קאַפּיטאַליסטען קענען בעהויפּטען צו פערלירען. אַ סטרייק אָבער, וועלכער האָט דעם צוועק צו פערניכטען קאַפּיטאַל גאָר אין גאַנצען, קען קיינמאָל, אַלס סטרייק, ניט געווינען, ווייל דער געגנער האָט קיינע נוצען ניט איהם נאָכצוגעבען. ווען ניט־נאָכגעבען מיינט שטאַרבען און יא־נאָכגעבען מיינט אויך שטאַרבען, וועט ער דאָך ניט לאָזען זיך רוהיג וויא אַ טרוס אָבהאַקען דעם קאָפּ, און אַליין אויסגראָבען זיך אַ קבר. דער סטרייק וועט פשוט מוזען ווערען אַ מלחמה אויף טוידט און אויף לעבען — טאָ וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַריש מאַכען און אַרויסרופען אַ גענעראַל־סטרייק אויף אַ וואָך אָדער אַ מאָנאַט צייט? אַ מעהר זאָל מען בעשטימען אַ געוויסען טאָג ווען אָנצופאַנגען דיא רעוואָלוציע, און נעהמען זיך בויען באַריקאַדען גלייך אויף אַן אָרט!

אויב מיר גלויבען ניט, אַז דיא אַרבייטער מאַסען זיינען היינטיגען טאָג שטאַרק גענוג צו קענען מאַכען און געווינען דיא גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע, דאַן זיינען דאָך דיא סאָציאַלדעמאָקראַטען גערעכט, ווען זיי זאָגען אַז עס איז אָן אונזינן צו אַגיטירען איצטער פאַר אַ גענעראַל סטרייק, וועלכער איז אין גרונד ניט קיין פּאַסיווער סטרייק, נור מוז דירעקט פיהרען צו אַן אַקטיווען רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף. גלויבען מיר וויעדער אַז דיא אַרבייטער זיינען שוין פערטיג פאַר אַן אַקטיווען רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף, טאָ וואָס איז דיא פעולה צו קייען ווערטער, וועלכע דריקען ניט אויס וואָס מיר מיינען צו זאָגען? און דאָס איז פאַר אונז אַנאַרכיסטען נאָך ניט אַלעס. אַ וויכטיגערע פראַגע איז — גלויבען מיר, אַז דיא אַרבייטער מאַסען וועלען ווען־עס־איז זיין שטאַרק גענוג אַליין צו קענען מאַ־

כען און געווינען די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע? און גלויבען מיר, אַז אויב זיי זאָלען ווען־עס־איז ווירקליך געווינען אַזאַ מאַכט, וועט די רעוואָלוציע וואָס זיי וועלען מאַכען, קענען איינפיהרען פרייהייט אין דער געזעלשאַפט? אַ רעוואָלוציע וואָס איין קלאַסע געווינט איבער אַלע אַנדערע קלאַסען, מוז זיך בעפעסטיגען מיט אַ דיקטאַטאָרישע און געזעצליכע מאַכט, כדי דער זיעג וואָס זיא האָט געוואונען נאָך אַזוי פיעל מורא'דיגע אַנשטריינגונגען, זאָל ניט דערטרונקען ווערען אין די בלוט פון די קאָנטר־רעוואָלוציעס, וועלכע זיינען זיכער אויפצוטרעטען פון צייט צו צייט. די זיעגרייכע קלאַסע וועט מוזען פערפאַסען אַ קאָנסטיטוציע און בעהאַנדלען יעדען איינעם וואָס וועט עובר זיין איהרע סטאַטוטען, ווי אַ מורד במלכות — קומט ניט דערפון אַרויס קלאָר, אַז אונזער גענעראַל־סטרייק־רעוואָלוציע וועט, אין בעסטען פאַל, נור העלפען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַרויפצוקריכען אויפ'ן ביינקעל פון מאַיאָריטעט־הערשאַפט?

ניין, די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אין אַנאַרכיסטישען זינן, קען ניט געמאַכט ווערען פון איין קלאַסע, אויף איין פעלד פון מלחמה, אין איין רייהע פון בלוטיגע שלאַכטען, מיט די פיזישע מיטלען אַליין פון פולווער און דינאַמיט! זיא מוז אויסגעקעמפפט ווערען צווישען אַלע קלאַסען, אויף אַלע פעלדער פון געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט, אין פיעלע רייהען פון שלאַכטען, אי פריעדליכע, אי בלוטיגע; מיט אַלע מיטלען, אי גייסטיגע, אי פיזישע; אויף דער ביהנע פון די געזעלשאַפטליכע לעבענסטהעטיגקייטען גופא, ניט אויפ'ן הינטערגרונד פון אירגענד וועלכע קלאַסען־אינטערעסען!

דאַרום איז דעם אַנאַרכיסט'ס אויפגאַבע ניט אַרומצוגעהן אַן אַנגעלאָדענער, פערטיג יעדע רגע אויסצושיסען; ער טאָר ניט שטעהן אויף מעסערס מיט יעדער געזעלשאַפטליכער גרופע, וועלכע, ניט ווישענדיג בעסער, פיהרט איהר נאַרישען און שעדליכען לעבען אין די אויסגעטראָטענע וועגען פון „קאָממאָן פּליים" און כאַפּ־לאַפּ אַרבייט. זיין אויפגאַבע איז פיעל מעהר אונטערצושטעלען דעם שולטער צום ראָד, אַ קירעווע טהאָן דעם פערד, און געבען אַ מאָל אַ שמיץ אויך ווען נייטהיג, — כדי צו העלפען פיהרען דעם געזעלשאַפטליכען וואָגען איבער די דערנער און שטרויכלונגען וואָס ליעגען אויפ'ן וועג צו זיין ווייטעסטען אידעאַל.

## 4.

## פארלאמענטארע טהעטיגקייט.

איינער פון דיא מיטלען צו מאכען אנארכיסטישע פראפאגאנדא און העלפען בריינגען דיא נויטיגע רעוואלוציע אין דיא מוחות פון פאלק, האט געדארפט זיין דער פאליטישער קאמפף, אויף וויפיעל מיר קענען זיך אין איהם בעטהייליגען, צו פערשפרייטען אונזערע אידעען מכח דיא ענינים פון כלל און דיא פראגען פון טאג. אננעהמענדיג אז דעם אנארכיסט'ס אויפגאבע איז צו בילדען און אויפקלעהרען דעם עולם, ניט אריינצוהאקען איהם אין קאפ מיט א באמבע דעם ערהאבענעם אידעאל פון לאזען יעדען איינעם לעבען וויא ער וויל, דארף זיין קלאר פאר אלעמען, אז מיר בעגעהען א גרויסען פעהלער דערמיט וואס מיר מאכען ניט קיין נוצען פון דיעזען מיטעל פון פראפאגאנדא. עס פערשטעהט זיך, אז מיר קענען ניט ערווארטען צו קריגען א מאיאריטעט אין פארלאמענט און אויף דעם אופן מאכען דיא סאציאלע רעוואלוציע; עס פערשטעהט זיך אויך, אז דיא פארלאמענטארע ארבייט טאר ניט אוועקנעהמען אונזערע גאנצע כחות, און טאר אונז ניט שטערען פון מיט־צו־ווירקען אין אלע מאסען־קעמפפע פאר פרייהייט און אונאבהייניגקייט. שטרעבען צו קריגען דיא מאכט, סיי פון א מאיאריטעט אין פארלאמענט, סיי פון א זיעגרייכען באריקאדען־שלאכט אויפ'ן פעלד פון קלאסען־קאמפף, איז אי געגען אונזערע פרינציפען, אי אן אונמעגליכע האפנונג. ניט מכח מאיאריטעט, און ניט מכח מאכט האנדעלט זיך דא ביי אונז — אלץ וואס אנארכיסטען דארפען זוכען, איז פערשפרייטען זייערע געדאנקען און סטאראיען זיך איינצופיהרען זיי אין לעבען וויפיעל מעגליך. און פיר דעם צוועק איז דיא פאליטישע טהעטיגקייט איינער פון דיא בעסטע מיטלען, אין פיעלע הינזיכטען; און זיכער מעהר פרינציפיעל וויא דיא נוצלאזע „פראפאגאנדא דער טהאט“.

דאך — א מערקווירדיגע זאך! — אין דיא טהעארעטישע פונקטען פון אונזער לעהרע מוזען מיר מודה זיין, אז מיר פערדיענען אפט דעם פארוואורף דאס יעדער אנארכיסט האט זיך אנאנדער אנארכיזמוס; אין דעם פונקט אבער פון פאליטישע טהעטיגקייט

הערט זיך קיין מיינונגס פערשיעדענהייט ביי קיין אנארכיסט ניט,
פון וועלכע שאטירונגען ער זאל ניט זיין: מען טאר ניט, און א
סוף! עס איז מערקווירדיג איבערהויפט ווען מען בעטראכט דעם
פאקט, אז זייט דיא 70־יגער יאהרען, פאריגען י. ה., ווען דער „אינ־
טערנאציאנאל“ האט זיך צושפאלטען אין צווייען, איז דיא סאציאל־
דעמאקראטישע פארטיי געוואכסען אומעטום, און דיא אנארכיס־
טישע פארטיי, אויסער אין א פאאר לענדער (און דארט אויך, ווער
ווייס צו זייער אנארכיזמוס דריקט זיך ביי זיי אויס אין עפעס מעהר
וויא אין א רעוואלוציאנערען קלאסען־בעוואוסטזיין?) איז פאזיטיוו
צוריקגעבליעבען אי אין צאהל, אי אין וויכטיגקייט. דיא טהאט־
זאכע האט זיך געדארפט יעדען אנארכיסט ווארפען אין דיא אויי־
גען; יעדער איינער האט זיך געדארפט פרעגען: סטייטש, וויא
קומט דאס וואס מיר זיינען געבליעבען אזוי הינטערשטעליג? אונ־
זער אידעע גופא קען דאך אודאי ניט זיין שולדיג אין דעם — האט
אונז ניט אונזער לעהרער קראפאטקין פערזיכערט, אז דיא פאלקס
מאסען זיינען בטבע אנארכיסטיש? און האבען מיר ניט איבעראל
געמאכט דעם גרעסטען טומעל? לאזט זיך ניט דער נאמען אנאר־
כיסט הערען איבער דער גאנצער וועלט? פארוואס זיינען מיר ניט
געוואכסען לכל הפחות אזוי גרויס וויא אונזער שטיעף־שוועסטער,
דיא סאציאל־דעמאקראטיע? פארוואס געהען פון אונז אוועק דיא
מערלינאס און דיא פענטעקאסטס? פארוואס קענען זיך ביי אונז
ניט האלטען דיא טהעטיגע נאטורען, סיידען ווען זיי פערטיעפען
זיך אין וויסענשאפטליכע פארשונגען, אדער להבדיל, אין גלעזיל?...
פארוואס פאלט עס קיינעם ניט איין איבערצוקלעהרען, טאמער איז
דאס אונזער טאקטיקע שולדיג אין דעם — די טאקטיקע פון „ניין!“
פון ניט נעהמען קיין אנטהייל אין דיא געזעלשאפטליכע לעבענס־
פראגען? א טאקטיק איז דאך ניט קיין הייליגטהום; 30 יאהר הא־
בען מיר זיא געהאלטען און זיא האט אונז אין ערגעץ ניט גע־
בראכט: לאמיר זיך מישב זיין, אפשר איז כדאי פרואווען אנפאנגען
מיט גוטען אנשטאט מיט בייזען? אפשר וועט דאס זיין א טובה
פאר אונזער אידעאל? — אבער ניין! מען טאר עס גאר ניט דער־
מאנען. ביי דיא „פרומע“ גענאסען איז דאס א סימן פון אפיקורסות,
אדער עפעס ערגער. אנארכיזמוס און פארלאמענטאריזמוס איז ביי
זיי פייער און וואסער — וויא קענען זיי געהן צוזאמען?

א מערקווירדיגע איינינגקייט און א געפעהרליכער טעות! דיא
גרינדער פון דער אנארכיסטישער פארטיי, דיא נאבעלע ענטוזיאס־

טען פון „אינטערנאַציאָנאַל“*) האָבען איבערטריבען דיא וויכטיג־
קייט פון דער אַרבייטער־בעוועגונג. בעגייסטערט פון סאָציאַליס־
טישען אידעאַל, אין אַ פּעריאָדע פון באַריקאַדען־קעמפּפע, האָבען
זיי געהאָפּט און געזעהן אין דיא רעוואָלוציאָנערע האַלטונג פון דיא
אַרבייטער דעם אָנהויב פון סוף פון דיא בורזשואזנע געזעלשאַפט.
דיא רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק איז איבערגעגאַנגען בירושה צו דיא
אַנאַרכיסטישע גרופּען, וועלכע זיינען עד היום געבליבען טריי
צו יענע האָפנונגען. וואָס מעהר דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען גע־
ווינען מיט גוטען צווישען דיא ברייטע מאַסען, אַלץ מעהר פער־
טיעפען מיר זיך אין־זיך, און האָדעווען שטילערהייט דיא האָפ־
נונג, אַז אָט־אָט וועלען מיר זיי צייגען וויפיעל מעהר מען קען
אויפטאָן מיט בייזען, וויפיעל שנעלער מיר וועלען פועל זיין מיט
איין ריכטיגען קלאַפּ, איידער זיי מיט אַלע זייערע ערפאָלגען אין
פּאַרלאַמענט. און גנב׳עט זיך אַריין אַ מאָל דער וואָרים פון צווייי־
פעל — וואָס איז דאַן לייכטער וויא צו שטאַרקען זיך מיט דיא
בעריהמטע ערקלערונג, אַז „דיא וויינטרויבען זיינען צו זויער“,
אַז פּאַרלאַמענטאַרע אַרבייט איז געגען אונזערע פּרינציפּען, אַז
מיר קענען ניט שיקען קיינע רעפּרעזענטאַנטען, אַז מיר טאָרען
ניט מאַכען קיינע געזעצע; מיט איין וואָרט: אַז מיר טאָרען
ניט אַנערקענען דעם שטאַאט? אָדער וואָס איז נאָך אַזוי נאָהענט
ביים האַנד וויא דיא בעהויפּטונג, אַז דיא גאַנצע פּאַרלאַמענטאַרע
פּראָפּאַגאַנדא איז ניט ווערטה קיין אויסגעבלאָזענע איי? און
מיר ברייגען אַ ראיה פון דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע
האָבען מיליאָנען וואָוטערס און אַזוי פיעל צעהנדליגע אַבגעאָרדענ־
טע, און פון דעסטוועגען האָבען זיי קיין פּראַקטישע פערבעסערונג
און דיא לאַגע פון דיא אַרבייטער אין ערגעץ ניט פועל געווען. —
דער וואָרים ווערט ענטשוויגען און דיא טראַדיציע זיעגט. ווער
רעדט נאָך, ווען עס טרעפט אַז סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרביי־
טער ווערען אונגעדולדיג און רייסען זיך אָב פון זייער פּאַרטיי

*) באקונין און זיינע אנהענגער. די פּרודאָנישע ברילליאנטע טהע־
טיגקייט אין דיא פאריזער רעוואָלוציע פון 1848, — א סאָרט קאָנוואול־
סיווע סאָציאל־רעפּובליקאנישע טהעטיגקייט אין א קאָנוואולסיווען מאָ־
מענט, וועלכע האט געדויערט קארגע צוויי יאהר, קען אין קיין זינן ניט
גערעכענט ווערען אלס אנארכיסטישע פארטיי־ארבייט.

און מרעטען אריין אין אונזער רעוואָלוציאָנערען לאַגער — דאַן איז דאָך אודאי זיכער, אַז דער פּאַרלאַמענטאַריזמוס טויג אויף כּפּרות, אַז דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טאַקטיק איז באַנקראָט.

זאָווייט אָבער האָט דיא האָפנונג אונז גענאַרט. דיא קלעפּ וואָס מיר האָבען געפּרואווט געבען דער בורזשואזנער געזעלשאַפט, האָבען פאַרפעהלט זייער ציעל. נאָך ערגער, זיי זיינען אָבגעשפּרונגען צוריק און האָבען געמאַכט דעם גרעסטען רושם אין אונזערע אייגענע רייהען. דער צווייפעל אין דיא חכמה פון אונזער „לידערס" וואַקסט אַלץ מעהר, און דיא בערוהיגענדע ערקלערונגען פערלירען זייער ממשות. פון וואַנען איז דאָס געדרונגען, אַז פּאַרלאַמענטאַרע, און בכלל, פּאָליטישע טהעטיגקייט איז געגען דיא פּרינציפּען פון אַנאַרכיזמוס? פאַר וואָס טאָרען מיר ניט שיקען קיין רעפּרעזענטאַנטען צו פערטרעטען אונזערע אידעען אין אַ פּאַרלאַמענט אָדער אַ קהל־שטיבעל, וואו קהל'שע ענינים ווערען פערהאַנדעלט? מיר טאָרען קיינע געזעצע ניט מאַכען — און אַטענטאַטען מעגען מיר מאַכען? מיר טאָרען ניט אַנערקענען דעם שטאַאַט — און מאָרד מעגען מיר יאַ אַנערקענען? אויב נעהמען אַ אנטהייל אין פּאָליטישען לעבען און שיקען פערטרעטער אין פּאַרלאַמענט, אָהן דעם קלענסטען חשבון צו קריגען דאָרט אַ צווינגענדע מאַכט, הייסט אַנערקענען דעם שטאַאַט און זיינע דרכים פון צוואַנג, טאַ פאַר וואָס איז נעהמען אַנטהייל אין „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט", און אַוועקשיקען אַנדערע מענשען'ס פערטרעטער אויף יענער וועלט, מיט דעם אויסדריקליכען חשבון צו קריגען אַ רעוואָלוציאָנערע צוואַנג־מאַכט, ניט קיין אַנערקענונג פון מאָרד־מעטהאָדען און זייערע דרכים פון צוואַנג? אויב מיר האָבען מורא, אַז דער עולם וועט ניט גלויבען אין אונזער אַנטי־שטאַאַט אידעאַל, ווען ער וועט זעהען, אַז מיר בענוצען זיך מיט'ן שטאַאַט פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ צוועקען, דאַרפען מיר דאָך אונזער טעראָריסטישע טאַקטיק אודאי אויפגעבען, דען וועגען דעם איז קיין מורא ניט טאָמער, עס איז קלאָר און אַלעמען בעוואוסט, אַז דער עולם גלויבט טאַקי ניט אין אונזער אידעאַל פון פרייהייט, זעהענדיג וויא מיר בענוצען זיך מיט רויב און מאָרד, כדי בעקאַנט צו מאַכען אונזער אידעאַל. איבערהויפּט איז עס זאָנדערבאַר צו הערען פון אַנאַרכיסטען, וועלכע לעבען אין אַלע פּרטים אַ פאָלשטענדיגען בורזשואַ לעבען, אפילו אין פּרט פון געלד מאַכען דורך דיא דריי עיקרים פון היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער גע־

זעלשאַפט (גרונד־רענט, פּראָצענט און ארבייטער אויסבייטונג) — וויא זיי פּרעדיגען פון פלאַטפאָרם און צייטונג, אַז אַנאַרכיסטען טאָרען זיך ניט מישען אין פּאָליטישען לעבען, ווייל עס איז ניט פּרינציפּיעל !

רעפּרעזענטאַנטען טאָר מען ניט שיקען על פּי פּרינציפּ פון אַנאַרכיזמוס — פאר וואָס ? פאר זיך, פרייוויליג, מעג מען, דאַכט זיך, ניט נור שיקען אַ פּערטרעטער, נור אפילו אויסקלייבען זיך אַ קיסר. זיך אַליין, מעג מען, דאַכט זיך, פאַרקויפען אפילו פאר א שקלאַף : ווער האָט אויף מיר א דעה צו זאָגען וואָס איך וויל טאָן מיט זיך ? אלא וואָס דען, מיין פערטרע־טער האָט קיין רעכט ניט צו צווינגען אַנאַנדערן ? נו גוט ! לאָ־מיר זעהען, אַז אונזערע פּערטרעטער זאָלען ח"ו קיינעם ניט צווינגען מיט זייער זיצען אין פּאַרלאַמענט, זייער אַרבייט זאָל דאָרט זיין בלויז אַ פּראַפּאַגאַנדיסטישע. קיין גרויסע אנשטרענ־גונג, אַז אונזערע פּערטרעטער זאָלען ניט קריגען דיא מאַכט וועמען עס איז צו צווינגען, וועלען מיר זיכער ניט דארפען מאַכען. רע־וואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אין ריכטיגען זינען פון וואָרט, קענען קיין מאָל אין לעבען ניט קריגען קיין מאַיאָריטעט־מאַכט צו ענדערן דיא געזעלשאַפטליכע אָרדנונג אין א געזעצליכען אופן. צו זוכען, צו קריגען אַזאַ מאַכט אין פּאַרלאַמענט וואָלט אודאי געווען ניט־פּרינציפּיעל פאר אנארכיסטען, אָבוואָהל ניט מעהרער וויא צו זוכען צו קריגען אַזאַ מאַכט אויפ'ן שלאַכט־פעלד. אָבער כאָטשע מיר טאָרען ניט זוכען און קענען ניט ערוואַרטען צו קריגען דיא מאַכט, איז דאָך דערפון ניט געדרונגען, אַז מיר טאָרען ניט וועלען און קענען ניט האָפען צו מאַכען פּראָפּאַגאַנדא דורכ'ן פּאַר־לאַמענט. לאָמיר אָננעהמען אַז דיא סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דייטשען רייכסטאַג האָבען קיין ברעקעל איינפלוס ניט אויף דיא געזעצגעבונג פון לאַנד ; לאָמיר ווידערהאָלען נאָך אַ מאָל אונ־זער פעסטע איבערצייגונג, אַז זיי וועלען ניע אים לעבען קריגען דאָרט אַ מאַיאָריטעט — פון דעסטוועגען מוז מען זיין אַ שטאָק־בלינדער פאַנאַטיקער ניט איינצוזעהען, וויא גוואַלטיג גרויס דער איינפלוס פון זייער זיצען דאָרט איז געווען אויף דיא פערשפּריי־טונג פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם איבער דער גאַנצער וועלט. פאַר־קעהרט ווידער, קען ביי אַ מענשען מיט פערשטאַנד דער מינדעס־טער צווייפעל ניט זיין, אַז ווען זיי וואָלטען געבליבען ביי דיא ערסטע באַריקאַדען־טאַקטיק, וואָלטען זיי געהאַלטען אין איין

שטעהען אויף אַן אָרט, פּונקט וויא מיר, „פּרינציפּיעלע“ אַנאַר־כיסטען.

דער פּראָצעס פון איינפיהרען דעם אנארכיזמוס איז, וויא געזאָגט, אַן עוואָלוציע. דער אנארכיסטישער אידעאל איז, יעדער יחיד זאָל זיין עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אונאבהענגיג, און עס זאָל קיין צענטראַליזאציע לחלוטין ניט זיין אין דיא פיהרונג פון קהלשע־ענינים. מיט אַ מאָל וועט דער אידעאל ניט מקוים ווע־רען, טענה'ן אנדערס איז דברים בטלים. דיא פּרינציפּען פון דעצענטראַליזאציע און פּערזענליכע אויטאָנאָמיע וועלען קענען אריינגעבראכט ווערען אין לעבען נור שטופּענווייז און ענטוויקלונגס־מעסיג. מיר אנארכיסטען האלטען זעהר פון דיא ווירקונג פון אידעען אלס אַ פאקטאָר פיר זיך, ניט נור אלס משרת ביי דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען — על כן גלויבען מיר, אז דיא פּראָ־פּאגאנדא פון אויפקלערונג וועט האבען זעהר אַ גרויסע ווירקונג אויף דיא ענטוויקלונג פון אונזערע פּרינציפּען. היינט וויבאלד אזוי, פאָלגט דען ניט דערפון אַז אונזער פּראפּאגאנדא מוז אנער־קענען דיא וויכטיגקייט פון טריט־ביי־טריט דערנעהערונגען צום אידעאל? אלס אַ מיטעל פון פּראפּאגאנדא איז אַלעס פּרינציפּיעל וואָס העלפט דיא ענטוויקלונג פון פּרינציפּ: ניט פּרינציפּיעל איז נור דאָס, וואָס שטערט דיא ענטוויקלונג פון פּרינציפּ. אַ פּאָ־ליטישער קאמפּף, וועלכער ענדיגט זיך מיט דעם דורכפאל פון אַ שטאאט־סאָציאַליסטישען פּראָיעקט, איז אַ זיעג פאר דעם פּרינציפּ פון דעצענטראַליזאציע, כאָטש עס איז ווייט ניט דער גאנצער אידעאל. העלפען צו געווינען אזא זיעג איז אין אַלע פּרטים אַ לאָגיש פּרינציפּיעלע ארבייט, איבערהויפּט נאָך, ווען עס איז בעגלייטעט מיט איין אַנארכיסטיש־אויפקלעהרענדע אגי־טאַציע. נעהמען אנטהייל אין אַ פּאָליטישען קאמפּף פאר „האָם רול“ (לאָקאלע אויטאָנאָמיע) איז גראדע אזוי פּרינציפּיעל אַנאַר־כיסטיש, וויא נעהמען אנטהייל אין אַ פאָלקס־בעוועגונג אָבצו־שאפען פּריוואט אייגענטהום אין לאנד. בעטהייליגען זיך אין פּאָליטישען לעבען און ארויסרופען וואָס מעהר פּאָליטישע קעמפּפע פאר אויטאָנאָמיע און דעצענטראַליזאציע, איז גראדע אַזוי פּרינ־ציפּיעל און אנארכיסטיש, וויא צו אגיטירען פאר ניט־צאָהלען קיין רענט און פאר ניט־געהען אין סאָלדאטען. „דירעקטע אק־ציאָן“ — דיא מאָטאָ פון „פּראקטישע“ אַנארכיסטען — האָט נור דאָן אַ עכט אַנאַרכיסטישען קלאַנג, ווען עס געהט אויף האַנדלונ־

גען וועלכע מיר קענען אליין אויספיהרען אין אייגענעם לעבען. ווען עס קומט אבער צו בעאיינפלוסען דיא האנדלונגען פון אנדערע מענשען, צו אגיטירען אנדערע זאלען טאן דירעקטע טהאטען, דאן איז וואוטען, און אגיטירען אנדערע זאלען וואוטען, פאר אן אנארכיסטישען פרינציפ, אזוי גוט א דירעקטע אקציאן, וויא אגיטירען צו בעזעצען זיך אויף א „וואקאנט לאט" (שדה לא זרועה) און ניט צאהלען קיין רענט.

דיא טענה פון ניט־טארען איז אלזא דיא שוואכסטע טענה וואס קומט ארויס פון מויל פון אנארכיסט, וועלכער זאגט אפט, אז ער מעג אלעס... צוגעדריקט צום וואנט, הייסט עס, אז מעגען—מעג ער טאקי, נור טהאן דארף מען עס דאך ניט, ווייל עס נוצט ניט, ווייל עס איז ארויסגעווארפענע ארבייט, ווייל מען קען דורכ'ן פארלאמענט קיין רעוואלוציעס ניט מאכען. נאך מעהר, ווייל עס שאדעט גאר, דען דיא פערטרעטער מוזען ווערען קארופט, און דער עולם ווערט איינגעשלעפערט, פארלאזענדיג זיך אז אלעס וועט שוין ווערן אויפגעטהאן פון פארלאמענט, אהן זיין אייגענע איניציאטיווע, אהן זיין מוטהיגען ווידערשטאנד אפילו אנטקעגען דיא געוואלדיגסטע עולות.

איך וואלט אבער וועלען פרעגען: וואס נוצט ניט? פראפאגאנדא נוצט ניט? אויפקלערונג איז אן ארויסגעווארפענע ארבייט? אמת, פאר א פאליטישען שטאאט־שטרייך וויא פאר א זידאמעריקאנער „רעוואלוציע" דארף מען קיין אויפקלעהרונג ניט האבען: מאכט אליין איז גענוג. פאר א סאציאל־דעמאקראטישע קלאסען־הערשאפט איז אויך מאכט דיא הויפט זאך, כאטש אהן אויפקלערונג וועט עס ניט געהן. פאר'ן אנארכיזמוס אבער איז דאך אויפקלעהרונג דיא הויפטזאך, און מאכט אין בעסטען פאל נור א נעבען־זאך! צווינגען דיא געזעלשאפט פריי צו זיין האט א פנים וויא שלאגען א קינד ער זאל פרעהליך זיין: עס איז א תרתי דסתרא.

„מען קען דורכ'ן פארלאמענט קיין פאלשטענדיגע רעוואלוציעס ניט מאכען!" — און דורך וועלכע מיטלען קען מען יא מאכען א פאלשטענדיגע אנארכיסטישע רעוואלוציע? לאמיר זיך נור ניט נארען מיט דעם געשריי „האך לעבע דיא סאציאלע רעוואלוציע!": עס האט קיינמאל ניט געטראפען און עס וועט קיינמאל ניט טרעפען קיין גאנצע סאציאלע רעוואלוציע אויף איין מאל. אונזער אידעאל איז ענדליך צו ערלייכען דאס וואס מיר בעגרייפען

אלס א פאלשטענדיגע סאציאלע רעוואלוציע, אין דער פראקסיס אבער קענען מיר אלעס מיט א מאל ניט האבען. דיא היסטארישע ערפאהרונג האט פעסטגעשטעלט דעם גאנג פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג, איהר וועג איז אין עצם אימער איין און דערזעלבער. עס עקזיסטירט אימער א לאנגע רייהע פון אורזאכען, מאטעריעלע און אידעאלאגישע, וועלכע שטערן דעם גלייכגעוויכט פון סאציאלען לעבען. דיא אידעאלאגען און קעמפפער זעהען איין דיא נויטהיגקייט פון א גרינדליכען איבערבוי, דער גרויסער עולם אבער פיהלט נור דעם דרוק אין זיינע נויטיגסטע טאג־טעגליכע פאדערונגען. דיא פארטיי וועלכע פארמולירט דיא דאזיגע פאדערונגען פאר איהם, דיא פארטיי בעוועגט איהם ארויסצוטרעטען אין רעוואלוציאנערען קאמפף פאר זיי — זיא מאכט דיא רעוואלוציע און ברייגגט צושטאנד אויף א ווייליע א גלייכגעוויכט אין דער געזעלשאפט. אבער נור אויף א ווייליע — א היסטארישע ווייליע, — דען באלד ווערט דער גלייכגעוויכט וויעדער צושטערט און רופט ארויס נייע רעוואלוציאנערע קעמפפע: און אזוי ווייטער און ווייטער. דער עיקר פון יעדע רעוואלוציאנערע בעוועגונג איז גרינדליך און קלאר צו פארמולירען דיא פאדערונגען פון פאלק — צו פארמולירען זיי אין קאנקרעטע טערמינען, ניט אין טהעאריען פון לעתיד־לבוא — דאס פאלק וועט דאן מאכען דיא רעוואלוציע, וועלכע וועט אבער אונז, אידעאלאגען, זיכער ניט צופריעדען שטעלען אין גאנצען, און מיר וועלען דארפען פארטזעצען אונזער ארבייט ווייטער.

דיא רעוואלוציאנערע געשלעג קומט פאר אויפ'ן גאס; דיא רעוואלוציאנערע ארבייט אבער קומט פאר אין פאליטישען לעבען (פערשטעהענדיג אונטער „פאליטיש" אלע געזעלשאפטליכע בעציהונגען פון מענשען, איינע מיט דיא אנדערע). דיא פארלאמענטארע טהעטיגקייט איז א טהייל פון דעם פאליטישען לעבען, און דארום טארען מיר ניט פעהלען אויך דארטען. אי וואס? אונזערע פערטרעטער וועלען אין פארלאמענט ווערען קאררופט? איז טאקי שלעכט. דיא רעוואלוציאנערען דאנטאן, מאראט און ראבעספיער זיינען געווארען קאררופט אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע — איז טאקי אויך געוועזן שלעכט, אבער זאלען מיר דערפאר ניט נעהמען קיין אנטהייל אין רעוואלוציעס? דיא קארופציאן איז דער גרעסטער אומגליק פאר'ן פראגרעס. דיא מאכט פערדארבט: דיא מאכט פון רעוואלוציעס וויא דיא מאכט פון פארלאמענט; דיא

מאַכט פון געלד וויא דיא מאַכט פון קענטנים; דיא מאַכט פון טרייד יוניאָן וויא דיא מאַכט זאָגאַר פון אַן אַנאַרכיסטישע ציימונג — זאָלען מיר דערפאַר פערצווייפלען אין דיא מענשליכע נאַטור? אַ בהמה, זאָגט מען, קען קיין הולטייקע ניט זיין: עס איז אָבער בעסער מיט אַ קלוגען צו פערלירען, איידער מיט אַ נאַרען צו געווינען... דיא וועלט מוזען מיר נעהמען וויא זיא איז, מיט דיא מענשען וויא זיי זיינען — און אויף וואָס זיינען מיר אַנאַרכיסטען, אויב ניט צו סטאַראַיען זיך צו מאַכען בעסער? אדרבא, לאָמיר ווייזען וואָס מיר קענען טאָן; און אויב מיר וועלען אויסגעפינען אַז מיר זיינען ניט בעסער פאַר אַנדערע, וועט עס אויך ברייננען געוויסע נוצען: מיר וועלען אפשר אויפהערען דאָן צו פערדייסען דיא נעזער און ניט דיינקען מעהר, אַז מיר זיינען דיא איינציגע עהרליכע לייט אין דער בעוועגונג.

דאָך איז דיא קאָררופּציאָן ניט איבעראַל אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט וויא אין אונזער געבענשטען „פריייהייטס־שטאַל“. אין ענגלאַנד איז בעסער וויא דאָ; אין דייטשלאַנד איז נאָך בעסער; אין פראַנקרייך איז. אויך ניט אַזוי שלעכט וויא ביי אונז, און אין דער שווייץ, זאָגט מען, איז כמעט גאָר קיין קאָררופּציאָן ניטאָ אין זייער בונדעסראַטה. צום פּרינציפּ פון דער זאַך, צי אַנאַרכיסטען מעגען און דאַרפען זיך בעטהייליגען אין פּאָליטישען לעבען פון לאַנד, איז ניט וויכטיג וואו דער אָנהויב זאָל געמאַכט ווערען, אָדער וויא שנעל עס זאָל געמאַכט ווערען. וואָס עס איז וויכטיג אין אַלע פּרטים, איז ערשטענס, צו ענדערן דיא מיינונג פון דיא גענאָסען מכח פּאָליטישע טהעטיגקייט בכלל, און צווייטענס — צו ענדערן דיא מיינונג פון פּובליקום מכח אַנאַרכיסטען און אַנאַרכיזמוס גופא.

כל זמן דאָס פּובליקום וועט דיא אַנאַרכיסטען בעטראַכטען פאַר מערדער און דינאַמיטשיקעס — און עס וועט אונז אַזוי בעטראַכטען זאָ לאַנג מיר וועלען זיך האַלטען אָן אונזער טאַקטיק פון פערניכטונג — וועט דיא אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ ניט מאַכען איין שריט פאָרווערטס, און וועט ניט האָבען דעם קלענסטען איינפלוס אויף דיא געזעלשאַפטליכע ענטוויקלונג. מיט אַזאַ רעפּוטאַציע וויא מיר האָבען זיך ערוואָרבען אין דיא 25 יאָהר פון אונזער זאָגענאַנטע אַנאַרכיסטישע טהעטיגקייט, איז אַבסאָלוט אונמעגליך צו קריגען אַ נאָכפאָלגערשאַפט ביים גרויסען עולם. דיא געלעהרטע פאָרשטעהער און פערטהיידיגער פון דיא היינטיגע

בורזשואַ אָרדנונג בעטראַכטען זיכער אונזערע טהעאָריען פאַר אַ סך געפעהרליכער וויא אונזערע באָמבעס. זיי צו בעקעהרען איז קיין האָפנונג ניטאָ; ווען עס וועט קומען צו אַ באַריקאַדען־קאַמפף, וועלען זיי דאָס זיין דיא יעניגע, געגען וועמען מען וועט דאַרפען קעמפפען. דער עולם אָבער האַלט פערקעהרט נור דיא באָמבעס פאַר געפעהרליך, און אונזער טהעאָריען וואָלט ער דוקא אָנגענומען — אַזוי גלויבען מיר דאָך — ווען מיר וואָלטען איהם נור געקענט גרייכען. ער וועט אָבער קיינמאָל ניט אינטערעסירען זיך מיט דיא געדאַנקען פון אַ פערנאַנדערגעוואָרפענע גרופע מענשען, וועלכע מישט זיך ניט אין זיינע אַלטעגליכע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פראַגען, וועלכע נעהמט קיין אינטערעסע ניט אין דיא פראַקטישע בעוועגונגען פון לאַנד, נור פון וועלכע אַ מאָל שפּרינגט איינער אַרויס און וואַרפט אַ באָמבע אויף אַ קיסר׳ל אָדער אויף אַ פּרעזידענט פון אַ רעפּובליק, וואַרפט אַ באָמבע אין אַ רעסטאָראַן אָדער דערשטעכט אַן עובר בטל׳דיגע קיסרינע. אויב מיר מיינען ערנסט עפּעס אויפצוטאָן פאַר׳ן אַנאַרכיזמוס, אויב מיר ווילען באמת גרייכען דיא ברייטע מאַסען, מוזען מיר זעהן פּטור צו ווערען פון דעם שם רע וואָס אונזער פערגאַנגענהייט האָט מיט רעכט אָדער אונרעכט אויף אונז אָנגעבונדען. מיר מוזען זיך ריינוואַשען פון דעם פלעק; מיר מוזען געפינען מיטלען צו איבערצייגען דיא וועלט, אַז מיר זיינען אידעאַליסטען, ניט קיין מערדער, אַז דער נאָמען אַנאַרכיזמוס שטעהט פאַר אַ געוויסע אידעע פון געזעלשאַפטליכען לעבען, ניט פאַר אַ קאָנספּיראַציע וואָס טהיילט אויס טוידט און פערניכטונג.

און דער בעסטער מיטעל דאָס צו איבערצייגען, איז צו אָרגאַניזירען זיך אין אַ פּאַרטיי, וועלכע זאָל ווירקליך זיך אָבגעבען מיט דעם פּאָליטישען לעבען פון פאָלק, און זאָל דורך איהרע פּאַקטישע, אַלטעגליכע אַרבייט, ניט נור מיט ווערטער, אָבלייקענען יעדע העצעריי און פערלוימדונג פון איהרע געגנער. דאָ איז ניט דער פּלאַץ אַריינצולאָזען זיך אין פּרטים פון אָרגאַניזאַציאָן, אָבער אין אַלגעמיינע שטריכען דאַרף מען עס קענען בעצייכענען אַלס אַ פּאַרטיי פון לעבען און קאַמפף אין אַלע זייערע געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען; מיט אַ פּראָגראַם פון טהעטיגקייט אין יעדע פאָלקס־בעוועגונג, דורך פּראָפּאַגאַנדאַ און אויפקלערונג, דורך טהיילנאַהמע אין פּאָליטישען קאַמפף ווען פּראַקטיש, מיט׳ן ביקס אויפ׳ן שולטער אין אָפענעם קאַמפף פיר גערעכטיגקייט, ווען נויטיג.

אונזער ארגאניזאציע דארף וועקען דעם עולם צו אונאבהייניגע טהעטיגקייט אויפ'ן גאנצען געביעט פון געזעלשאפטליכען לעבען — אונטערשטיידענדיג זיך דערמיט פון דיא סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציע, וועלכע שטרענגט אן אלע איהרע קרעפטען אויף איין פונקט, אויפצובויען א שטארקע פארטיי און פערכאפען דיא שטאאטליכע מאכט. אונטערשיידענדיג זיך דערמיט אויך פון אלערליי קולטורעלע און עטהישע ארגאניזאציאנען, וועלכע האלטען זיך פערשלאסען אין דיא ענגע ראמקע פון זייער ספעציעלע טהעטיגקייט, לעבענדיג אין דער איינבילדונג, אז מיט דיא לייזונג פון דיא ספעציעלע „פראגע" מיט וועלכע זיי גיבען זיך אפ, וועט קומען א רפואה שלימה פיר אלע געזעלשאפטליכע חולאת'ן. און ענדליך אונטערשיידענדיג זיך אויך דערמיט, וואס אין אונזער פראגראם דארף קיין סימן ניט זיין פון מאכט־זוכעריי, און פון וועלען איינפיהרען אונזערע אידעען מיט געוואלט און צוואנג.

נאכדעם וויא מיר האבען פערבראכט מעהר וויא א פערטיל יאהרהונדערט אין שטעהען בעהאלטענערהייט אין א ווינקעל, און סטראשענדיג דיא גאנצע וועלט מיט דיא רעוואלוציעס וואס מיר וועלען מאכען, איז שוין צייט ארויסצוטרעטען אין אפענעם לעבען, צוזאמענקלייבען דיא קרעפטען וואס מיר האבען און אנפאנגען ארבייטען פאר דיא איינציגע רעוואלוציע וואס אנארכיסטען קענען מאכען — דיא רעוואלוציע אין דיא מוחות פון מענשען, דורך אויפקלערונג, דורך דיא שטארקייט פון א ריינעם, פרינציפיעלען לעבען, וויא אויך דורך אפפערווילינקייט אין אפענע קעמפפע געגען טיראנישע אונטערדריקונג. בעטראכטענדיג דעם גייסטיגען צושטאנד פון דיא פעלקער אין דיא קאנסטיטוציאנעלע לענדער, מיט א קיהלען קאפ, ניט ווען דאס בלוט איז צוקאכט, מוזען מיר איינזעהען, אז דאס רוב מענשען גלויבען אין דיא היינטיגע ארדנונג, גלויבען אין דיא נויטיגקייט פון פריוואט־אייגענטהום און שטאאט, און מיינען מיט'ן גאנצען הארצען, אז דער יסוד פון היינטיגער געזעלשאפט, א חוץ אין געוויסע פרטים, איז בכלל א גוטער און גערעכטער. אויף דעם גלויבען פון דיא גרויסע מאיאריטעט פון פאלק, ניט אויף דיא מאכט פון דיא קליינע מינאריטעט געוועלטיגער, האלט זיך דיא היינטיגע ארדנונג — און געגען גלויבען און מיינונגען קעמפפען קאנאנען און באמבעס אומזאנסט. לאכען מיר אליין ניט פון אונזערע פערפאלגער, פאר וואס זיי ווילען מיט געוואלט פערניכטען אונזער אידעע? אויב

מיר זיינען אזוי איבערצייגט, וויא דער אמת איז, אז געוואלט־מיטלען קענען אונזערע געדאנקען ניט אויסראָטען, מעגען מיר פערשטעהן, אז גוואלט־מיטלען וועלכע מיר וועלען אָנווענדען, וועלען זייערע געדאנקען אויך ניט אויסראָטען.

מיר מוזען ארבייטען מיט מעטאָדען פון אויפקלערונג, און דערפאר מוזען מיר קודם כל זעהען צו געווינען א בעסערע רעפוּ־טאציע ביים עולם. אין זאכען וואָס זיינען נוגע אונז אליין, אין אונ־זער אייגענעם לעבען און פיהרונגען, האָבען מיר זיך פון קיינעם ניט אָבצונעהמען קיין מוסר, און עס קען אונז קיין דאגה ניט זיין וואָס דיא „וועלט" דיינקט און טהוט. ווען מיר אונטערנעהמען זיך אָבער צו קריטיקירען זאכען וואָס זיינען נוגע דעם כלל, און קומען מאכען רעפאָרמען און רעוואָלוציעס אין לעבען פון דער גאנצער געזעלשאפט, מוזען מיר קומען מיט ריינע הענד, און איבערהויפט ריין פון בלוט וואָס דיא אלגעמיינע מיינונג פון דער מענשהייט האלט ניט פאר בערעכטיגט צו פערגיסען. אלס כלל־טוער קענען מיר נאָך וויא עס איז אריבערטראָגען אלערליי „ניט־שעהנע" נעמען, אָבער דעם נאָמען „מערדער און דעגענעראטען" קענען מיר בשום אופן ניט אריבערטראָגען. דער נאָמען הרג'עט אונז אוועק, הרג'עט אוועק אונזער פראָפאגאנדא, איז פאטאל פאר אונזער בעוועגונג. דיא מענשהייט היינטיגען טאָג בעטראכט דאָס הרג'ענען א מענשען אָהן אן אָפענעם משפט, ניט אין אן אָפענע מלחמה, ווען דער אָפּפער איז ניט פערטהיידיגט, און ווען עס איז ניט אונמעגליך צו ברייגנען איהם פאר'ן געריכט פון פאָלק — אלס א געמיי־נעם, פייגען מארד. זיא האָט קיין איינזעהענים ניט מיט'ן מערדער, און וועט ניט אָננעהמען פון איהם קיין לעהרע, וויא ריכטיג און אמת דיא לעהרע זאָל ניט זיין. מיר מוזען אלזאָ סטאראיען זיך ניט צו פערדיענען ביי איהר דעם נאָמען. מיר מוזען ערקלערען אין קלאָרע דבורים, אָהן "אויב'ס און אָבער'ס", אז מיר זיינען אבסאָ־לוט דאגעגען אזעלכע טהאטען. און כדי מען זאָל אונז גלויבען אז מיר מיינען עס באמת, מוזען מיר אָננעהמען אזעלכע פראָפאגאנדיס־טישע טהעטיגקייטען, וועלכע דיא וועלט האלט פאר עהרליך, פער־נינפטיג און מענשליך.

רעזומירענדיג בקיצור דעם זינן פון אלעם וואס איך האב דא אויבען געזאגט, קום איך צום שלוס, אז — שוין אויסער דעם וואס נאך דיא לאגיקע פון דער זאך איז דער אנארכיזמוס, אין בעסטען זינען, א פאליטישע לעהרע, וועלכע געפינט איהר ריכטיגסטען אויסדרוק נעהמענדיג אנטהייל אין דיא טאג-טעגליכע פאליטישע פראגען פון לאנד; אויסער דעם וואס דער אינדיווידועלער טעראר קען ניט מאכען קיין רעוואלוציעס; און אויסער דעם וואס א קלאסען-רעוואלוציע קען ניט איינפיהרען קיין אנארכיסטישע פריי־היט —אויסער דעם, אלזא, וואס אונזער פערנינפטיגסטע רעוואלוציאנערע טאקטיק מוז זיך אויסדריקען אין א פראגראם פון פריעדליכע טהעטיגקייט, איז עס, אין מיין מיינונג, היינטיגען טאג, דער איינציגער מיטעל וויא אזוי צו געווינען דעם אויער פון פאלק, ער זאל אונז לכל הפחות וועלען אויסהערען.

ווען דיא פארלאמענטארע טהעטיגקייט, אפילו נאך דיא וואולגארנע אויסדייטונג פון דיא אנארכיסטישע געגנער, וואלט אונז נאך יאהרען ארבייט קיין אנדער זאך ניט געגעבען, אויסער דיא מעגליכקייט פראנק און פריי צו פראפאגאנדירען דעם אנארכיזמוס; ד. ה. ניט צו דארפען מורא האבען „געלינטשט“ צו ווערען פאר רופען זיך אנארכיסט, ניט בעטראכט צו ווערען פאר „ווילדע חיות“, וועלכע וואלטען אלעם צוברעכען און פערניכטען; ווען מיר וואלטען דאדורך כאטשע אויפגעהערט צו זיין אזוי „אונמעגליך“ ביים פאלק, — וואלט דיזער רעזולטאט אליין שוין גענוג געווען צו בערעכטיגען אונז צו נעהמען זיך פיר דיזע ארבייט. בפרט נאך אז דיא דאזיגע טהעטיגקייט אין איהר אידעאלע פארמע, אהן דיא קארופציאן וואס דיא מאכט זוכערייי ברייננגט אריין, איז לחלוטין קיין סתירה ניט צו אונזער אידעאל; און נאך בפרט אז דיא פאליטישע טהעטיגקייט זאל ניט מאנאפאליזירען אלע אונזערע קרעפטען, זאנדערן מיר זאלען אנטהייל נעהמען אין אלע עקאנאמישע און גייסטיגע בעוועגונגען פון אונזער צייט — דאן איז אודאי קיין ספק ניטא, אז אזא טאקטיק וואלט אויפגעהויבען דעם אנארכיזמוס צו זעהר א הויכע מדריגה פון ווירקזאמקייט, און דיא פראפאגאנדא פון אנארכיסטישען אידעאל, וועלכער איז אונז אלעמען טהייער, וואלט געבראכט דיא בעסטע פרוכט.

ע נ ד ע.